Kto popiera Fundusz Akcji Kolonjalnej — buduje silną Polskę

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 12 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 97 | Łódź, Niedziela, 28 kwietnia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג . | לאדז, זונטאג, כ"ה ניסן תרצ"ה | № 97
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נאר 4 מאנדאטן פאר אלע יודען
אין דעם קומענדיגען סיים אין פוילען
פיבערהאפטע ארבייטען ארום דער נייער וואהל-ארדינאציע

וו א ר ש א, 27 (טעלעפאניש פון אונזער קא־רעספאנדענט)

אין די ווארשאווער פאליטישע קרייזען רעדט מען זעהר שטארק וועגען דעם שנעלען פערענדיגען די ארבייטען פון דער רעגירונג איבער דער נייער וואהל־ארדינאציע. עס זענען אפילו שוין געגנוי בע־וואוסט אייניגע וויכטיגע פרטים פון דער נייער וואהל־ארדינאציע. אזוי צום ביישפיל פערזיכערט מען פון מאסגעבינגע ספערען, אז די צאהל דעפוטא־טען וועט זיין נאר א העלפט פון דער ביז־איצטיגער צאהל דעפוטאטען, ד. ה. 220 דעפוטאטען. וואהל־רעכט צום סיים וועלען האבען נאר די פערזאנען, וואס זענען עלטער פון 30 יאהר.

ביז גאר סענסאציאנעל איז די איינצעלהייט וועגען די שוין בעשטימטע צאהל מאנדאטען פאר די בעזונדערע אפאזיציאנעלע ריכטונגען אין דעם קו־מענדיגען סיים און פאר די נאציאנאלע מינדערהיי־טען.

פאר דער פויערן־פארטיי זאל שוין זיין בע־שטמט אין נייעם סיים 30 מאנדאטען, פאר די ענ־דעקעס 20 מאנדאטען, פאר די סאציאליסטען 12 מאנדאטען און פאר די יודען פון גאנץ פוילען נאר 4 מאנדאטען.

די צאהל מאנדאטען פאר די אוקראינער איז נאך נישט פעסטגעשטעלט.

לויט דער נייער וואהל־ארדינאציע זאלען די פול־מאכטען פון פרעמיער זיין אויסגעברייטערט און זאל האבען די רעכט פון א קאנצלער.

צוגרייטונגען צו די נייע סיים-וואהלען

וו א ר ש א, 27 (טעלעפאניש פון אונזער קא־רעספאנדענט)

עס איז שוין איינינע מאל מיטגעטיילט געווא־רען וועגען די פארבערייטונגען פון דער רעגירונג צו דער נייער וואהל־ארדינאציע און וועגען די הכ־נות צו די קומענדיגע סיים־ און סענאט־וואהלען. אין די נאהענטסטע צוויי וואכען ווערט ערווארט דאס פערעפענטליכען די נייע וואהל־ארדינאציע.

—=—

אזא מוראדיגער סקאנדאל
איז נאך אין לאדזער שטאטראט נישט געווען

קאוואלסקי וויל נישט דערלאזען קיין יודישע פארשטעהער אין די פאבאר־קאמיסיעס. — טשערניק רייסט ארויס די דעקלאראציע פון ראטמ. מיבצבערגס האנד. — ענדעק בעלקא ווארפט זיך שלאגען. — פויסטן, בענקלעך, טישן איז דער לופט. — טשערניק דראהט צו שיסן. — אונאויפהערליכע אוואנטורעס

קאמיסאר וואיעוואדזקי האט איבערגעריסען די זיצונג

קיין שום זיצונג פון שטאט־ראט ביז איצט איז נאך נישט ערווארט געווארען מיט אזא שפאנונג ווי די נעכטיגע. האבען דאך אלע זיך גערינכט אויף סענסאציעס סיי בעת דער דריטער לעזונג פון בור־זשעט און סיי ביים לייענען די דעקלאראציעס וועגען די געשעהענישען פון 2 אפריל.

די גאלעריע און דער פארטער־זאל, וועלכער איז בעשטימט פאר'ן פובליקום, איז געווען איבער־פולט ביז'ן לעצטען פלאץ. אין די קולוארען האבען זיך געפונען הויכע שטאטישע בעאמטע און אנגע־זעהענע געזעלשאפטליכע טוער.

פאר'ן עפענען די זיצונג האבען אויף דער ליס־טע פון די אנוועזענדע ראטמענער געפעהלט: איין ראטמאן פון די ענדעקעס — שערלאנאווסקי, 1 פון ב. ב. — מארטשינסקא און 2 יודען — יאעל און ליבערמאן. דערצו דארף מען צוגעבען, אז ראטמאן פיאנטקאווסקי, וועלכער איז אויסגעשלאסען געווא־רען פון דער „בעבע"־פראקציע איז געכטען צו דער זיצונג געקומען און נישט צוגעטרעטען צו קיין שום פראקציע. יעדע שטים איז געווען נויטיג און דעריבער האבען די ענדעקעס געארבייט מעשים, אז זייער פעהלענדער ראטמאן שערלאנאווסקי זאל קו־מען צו דער זיצונג, וואס האט זיך זיי אויך איינגע־געבען. באלד איז אויך געקומען ראטמאן יאעל און ליבערמאן און צום סוף אויך די פרוי מארטשינסקא. אזוי, אז

דער שטאטראט איז דאס ערשטע מאל זייט זיין עקזיסטענץ געווען אין קאמפלעט

ס'זענען אנוועזענד געווען אלע 72 ראטמענער. די סיטואציע האט אויסגעזעהן אזוי, אז די ענדע־קעס האבען געהאט זייערע 35 ראטמענער און ווען מ'זאל דערצו אויך צורעכענען דעם דייטש קאהלערט וועלכער שטימט גאנץ אפט מיט די ענדעקעס, וואל טען זיי געקענט אין בעסטען פאל האבען 36 שטי־מען, וואס וואלט נישט געווען גענוג צו דורכצופיהרען וועלכען ס'איז וואהלענינגען אדער אונזיניגען בע־שלוס. די אפאזיציע האט אויך געהאט 36 שטימען און ווען ביי געוויסע פאזיציעס וואלט אויך מיטגע־שטימט ראטמ. פיאנטקאווסקי מיט דער אפאזיציע, וואלטען דאן די ענדעקעס געבליבען אין דער מינדער־הייט. ביי דער דאזיגער לאגע איז

די שפאנונג נאך אלץ מעהר געוואקסען

און ארום האלב 9 אין אוונט האט דער רעגירונגס־קאמיסאר אינזש. וואיעוואדזקי געעפענט די זיצונג.

דער פארזיצער טיילט מיט, אז דער ראטמאן פיאנטקאווסקי, וועלכער איז אנוועזענד אויף דער זי־צונג געהערט נישט מעהר צו דער „בעבע"־פראקציע און איז נישט צוגעטרעטען צו קיין שום אנדערע פראקציע.

ווייטער טיילט מיט דער רעגירונגס־קאמיסאר, אז דאס מיניסטעריום האט בעשטעטיגט דעם אלגע־מיינעם פערבויאונגס־פלאן פון דער שטאט לאדז, דער פלאן וועט אין דער ענטשפרעכענדער צייט פאר־געשטעלט ווערען דעם שטאט־ראט.

דער רעגירונגס־קאמיסאר ערקלערט, אז אין צו־זאמענהאנג מיט דעם דרינגענדען פארשלאג מכח דעם, אז די הנחה־בילעטען אויף די טראמוואיען פאר קינדער און שילער זאלען אויך חל זיין זונטאג האט ער אינטערווענירט אין דער טראמוואי־דירעק־ציע, וועלכע איז נאכגעקומען די דאזיגע פאדערונג.

דער שטאט־ראט איז דאן צוגעטרעטען צו וועה־לען 2 פערטרעטער אין דער קאמיסיע פעסטצושטע־לען די גרעניצען פון דער שטאט לאדז. דעם ענין רעפע־רירט דירעקטאר קאלינאווסקי, וועלכער ערקלערט, אז מיט א קורצער צייט צוריק זענען צו דער שטאט לאדז צוגערעכענט געווארען גרויסע שטחים אין כאיני, ראדאגאשטש און אזוי ווייטער, די גרעניצען פון גרוים לאדז, זענען אבער נישט פעסטגעשטעלט געווארען צוליב דעם, האט דער וואיעוואדע געשא־פען א קאמיסיע, וועלכע זאל גענוי פעסטשטעלען די גרעניצען, און אין דער דאזיגער קאמיסיע דארף דער שטאט־ראט וועהלען צוויי פערטרעטער.

דער ענדעק קאוואלסקי לעגט פאר אין דער קא־מיסיע צו וועהלען די ענדעקעס פאדגורסקי און טשער־ניק.

ראטמאן וואלטשינסקי לעגט פאר דעם ראטמאן טראווקאווסקי (בעבע).

דער רעגירונגס־קאמיסאר לעגט פאר כדי אויס־צומיידען וואהלען, זאל מען זיך איינינען אויף די ראטמענער פאדגורסקי און טראווקאווסקי. די ענדע־קעס קענען נישט בעשטעהן און פערלאנגען וואה־לען, וועלכע קומען פאר אויף פראפארציאנעלע יסו־דות. אזא נישט וויכטיגער ענין פערנעמט א שעה

(ווייטער זעה 4־טע זייט)

דער פעראיין פון קוה=בעזיצער
פאדערט אויף אלע מיטגלידער
צו קומען היינט, 12 א זייגער
בייטאג צו דער לוי' פון
נ"ע פעסע חנה
גלאזמאן
די פרוי פון אונזער מיטגליד
שמעון נ"י פון טרויער=הויז
קאמיענגא 1.
7361 די פערוואלטונג.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען
מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, שוויגער־
פאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער
נ"ע מנחם מענדיל ב"ר עזרא ז"ל הלוי
שיקיער
(געוו. סוחר און הויזבעזיצער פון דער שטאט לאדז)
איז עלטער פון 63 יאהר.
די לוי' קומט פאר היינט, זונטאג, כ"ה ניסן
תרצ"ה 2 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה-הויז, וועגען
וואס ס'טיילט מיט אין גרויס צער
די פערבליבענע פאמיליע.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען מיין ליבער מאן,
אונזער הייסגעליבטער נישט-פערגעסענער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, אור־
גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער
נ"ע בערל קוואל
(סטארשי פעלדשער)
איז עלטער פון 80 יאהר.
די לוי' קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 28 אפריל 1935, 2 א זייגער בייטאג
פון טרויער-הויז, פילסודסקיגא 25, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאמיליע.
7356

KINO

קינא

„קאפיטאל" „CAPITOL"

היינט און פאלג. טעג קומט פאר אין קינא „קאפיטאל"

די ווידערהאלונג פון דער פרעמיערע פון דעם מעכטיגען יודישען פילם

„יוד זיס"

פראדוצירט אין לאנדאן לויט דעם בעריהמטען ווערק פון'ם גרויסען יודיש-דייטשען דיכטער

ליאן פויכטוואנגער

די הויפטראלע פירט אויס דער געניאלער פילם-ארטיסט

קאנראד ווײדט

דער פילם „יוד זיס" איז געשריבען פון א גרויסען יוד וועגען א גרויסען יוד. „יוד זיס" איז א געניאלער יודישער פינאנץ-גאון, א יודישער מיניסטער אין הויף פון דייטשען פירשט קארל אלעקסאנדער פון ווירטעמבערג. „יוד זיס" איז א ליכטיגע געשטאלט, וואס רייצט די פאנטאזיע, זיין לעבען איז געווען רייך מיט דראמאטישע עפיזאדען. א נאמען, ארום וועלכען ס'וואקסען זיך לעגענדעס. פאר די אויגען פון צושויער טראגען זיך בילדער פון פארצייטישען יודישען געטא אין דייטשלאנד. „יוד זיס" איז א געשטאלט, וואס רייצט און אינטריגירט, מאכט א טיפען איינדרוק און רופט ארויס א ציטער אין הארצען פון צושויער. „יוד זיס" איז א פילם פון גרויסען פערנעם, רייך אויסגעשטאטעט. מאסען סצענעס מיט א פערשווענדערישער רייכקייט. „יוד זיס" איז א יודישער פי"ם, אזא מעכטיגען פילם האט נאך לאדז נישט געזעהן. —:— די הויפט-ראלע פון פילם „יוד זיס" שפילט קאנראד ווײדט מיט אזא עקספרעסיע און שלמות, אז דער איינדרוק איז אן'אונפערגעסליכער.

די ווידערהאלונג פון דער פרעמיערע פון דעם גרויסען מעכטיגען יודישען פילם „יוד זיס" קומט פאר טעגליך אין קינא „קאפיטאל"

אנהייב פון די סעאנסען: אין געוועהנל. טעג 4 נאכמיטאג, שבת, זונטאג און יום-טוב — 12 א זייגער בייטאג.

די פערוואלטונג פון צענטר. סוח"ים און פאבר"י-קאנטען-פערבאנד אויף לאדזער וואיעוואדזטווע אין לאדז

(פיעטריקאווער 10)

מאכט בעקאנט די מיטגלידער, אז אין הסכם מיט'ן פאראגראף 27 פון די פעראיינס-סטאטוטען וועט זונטאג, ד. 12 מאי 1935, 4 א זייגער נאכמיטאג צום ערשטען טערמין אין פעראיינס-לאקאל פיעטריקאווער 10 פארקומען די

יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג; 2) וואהלען פון א פארזיצענדען; 3) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער פאריגער פערזאמלונג; 4) פארלעזען דעם בעריכט און די פעראיינס-טעטיגקייט פאר'ן יאהר 1934; 5) פאר-לעזען די פראטאקאלען פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע; 6) ענדערן דעם פונקט 36 פון פעראיינס-סטאטוט און בעשטעטיגען דעם רעגולאמין פון דער אלגעמיינער פער-זאמלונג; 7) בעשטעטיגונג פון בודזשעט אויפ'ן יאהר 1935; 8) וואהלען פון דער פערוואלטונג פון שידס-געריכט; 9) פרייע פארשלאגען.

בעמערקונג: אין פאל אויב ס'וועט נישט ערשיינען די געהעריגע צאהל מיטגלידער צום ערשטען טערמין, קומט די פערזאמלונג פאר אין זעלבען טאג: 6 א זייגער נאכט. צום צווייטען טערמין ביי יעדע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער (לויט'ן פאראגראף 32); 2) פארשלאגען צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג דארפען אריינגעטראגען ווערען שריפטליך צו דער פערוואלטונג ביז'ן 5 מאי 1935 יאהר (פאראגראף 29)

די פערוואלטונג.

זאל גאנץ לאדז וויסען!

אז דעם גרעסטען אויסוואהל פון

מעבעל

— ווי: —

שלאפצימער, עס-צימער, גאבינעטען

ווי אויך איינצעלנע געגענשטענדע בעקומט מען נור ביי דער איבעראל בעוואוסטער פירמע

ח. ראזניק

לאדז, 44 גדאנסקא 44

טעל. 162-56.

אטוואצק — קלימאטישע וואלד-סטאציע

7.50 זל. טעגליך

Sanatorjum D-ra med. O. PRZYGODY

לונגען - אפטיילונג: ס'ווערען געהיילט לונגען-קראנקע לויט די נייעסטע מעטאדען.

כירורגישע אפטיילונג: ווערען געמאכט: אדמע, איבערברעכונג פון פערוואקסונגען, דורכשניידען פונ'ם נערוו א. ז. וו.

ספעציעלער פאוויליאן: ריטשאלט-פרייזען צוגע-פאסט צו דער איצטיגער קריזיס-צייט נעמען ארום: פולע אויסהאלטונג, מעדיצין, אויפזיכט, רענטגען, אנאליזען א"א

כשר'ע קיך! געשמאקע כשר'ע קיך. כשר'ע קיך!

פאר רעקאנוואלעסצענטען זארגפעליגע אויפזיכט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער קאאפעראטיווער קליינהענדלער-באנק, לאדז, אגראדאווא 2, קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 28 אפריל 1935, פינקטליך 5 א זייגער נאכמיטאג אין ענגלישען זאל. אל. 1-טער מאי 2, מיט דער טאג-ארדנונג: 1) דערעפנונג; 2) וואהלען פון א פרעזידיום; 3) דאס איבערלייענען דעם פרא-טאקאל פון דער פריהערדיגער אויסערגעוועהנליכער אלגעמיינער פערזאמלונג; 4) בעריכטען: א. פון דער פערוואלטונג, ב. פונ'ם ראט, ג. פונ'ם פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיוון אין פוילען; 5) דאס בעשטעטיגען דעם בילאנס פאר'ן יאהר 1934 און ערטיילען אבסאלוטאריום די פערוואלטונג און ראט; 6) פער-טיילען דעם ריוח פאר'ן יאהר 1934; 7) וואהלען פון 1 מיט-גליד אין דער פערוואלטונג און 4 מיטגלידער אין אויפזיכטס-ראט אנשטאט די אויסגעצאפסוועטע; 8) אננעהמען דעם בודזשעט פאר'ן יאהר 1935; 9) ענדערן דעם פאראגראף 1 פון סטאטוט.

ראט און פערוואלטונג פון דער קאאפ. קליינהענדלער-באנק אין לאדז, אגראדאווא 2.

בעמערקונג: פארשלאגען צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג מוזען ווער-ען אריינגעשיקט צו דער פערוואלטונג 7 טעג פריהער.

אונזער חשובן מיטגליד

יעקב שמעון ליפסקי

און פאמיליע צו דער בר מצוה פון זייער בן-יחיד

אפרים פישל

ווינשען א הארציגען מזל-טוב

די מתפללים פון שטיבעל

7363 סקלאדאווא 13.

א פאבריקס-געביידע אין צענטרום

פארטער און דריי שטאק

א 400 קוואדראט מעטער יעדער, צענ-טראל-בעהייצונג, 2 איינגענג, געאייגנעט פאר יעדע ארט פאבריקאציע און שפּינערייען

צו פערמיטען גאנץ אדער טיילווייז.

צו פערשטענדיגען זיך טעלעפאניש אין וואכענטעג טעל. 214-77.

דאנקזאגונג

א הערצליכען דאנק אלע ח' געסט פון די פענסיאנאטען בעסער, יאקו-באוויטש, חיינגאט און עלבינגער אין קאלומנע פאר די געפל. שפענדען לטובת דעם „בית מחזה לזקנים" אין לאדז (פאמארסקא 54) דורך דער פערמיטלונג פון אונזער ח' פרעזעס ב. גליקסמאן און א ספעציעלן יישר כח דעם פענסיאנאט-אינהאבער אין קאלומנע ה' ח. בעסער פאר זיינע בעמיהונגען דירעקט אויס אין נאמען פון די 250 זקנים וזקנות

934 די פערוואלטונג

פון דער חבריה „מחסה לזקנים"

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און בעשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—11 פריה און פון 1³⁰—2³⁰ מיטאג און פון 5—9 אוו. זונטאג פון 10—1 מיטאג

אלע ארט אנאליזען.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל

רעפעראט פון מאיר גראסמאן אין „פילהארמאניע"

מארגן, מאנטאג, דעם 29-טען אפריל ד. י. קומט פאר אין זאל פילהארמאניע - א רעפעראט פון

מאיר גראסמאן

א. ד. ט.

„אויף דער וואך פון מלוכה'שען ציוניזם"

(די געפאהר פאר סעפעראטיזם, מאנאפאליזם און ברית שלום'יזם)

די 1-טע און ביליגסטע קוועלע פון

רעשטען

אויף פאלטענס און אנציגער

פון די בעסטע ביליצער און טאמאשא-ווער סחורות, די מאדערנסטע מוסטערן, אין א גרויסען אויסוואהל. בעקומט מען נאר ביי

R. Szczęśliwy

לאדז, 5 באוואמיעסקא 5

טעל. 156-09

געדענקט, פראנט 2 שטאק.

פאר גאלד, ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזדאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

Dr.

L. Szyfman

לעגיאנוב 3, טעל. 106-72

צוריקגעקעהרט

אויערן, נאז און האלז קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פיעטריקאווער 67. טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צווני-אפעראציע א. ז. וו.. ווי אויך אמבולא-טארישעס פון 9-2 און פון 4—8 אוונט

וואָרנונג!

מיר ווארענען אלע קצבים, וועלכע ווילען עפענען יאטקעס אין ווישניאווא-גורא, קראשעוו, אנדזשע-יעוו והסביבה, ווי אויך די עופות-הענדלער און מיר זענען זיי מתרה דאס זיי זאלען וויסען, אז עס איז דא א איסור חמור צו פערקויפען דא פרעמדע שחיטה, סיי רינדערינס סיי עופות, מיר האלטען דערויף ספעציעלע קאנטראלערס. די יאטקע אדער עופות-הענדלער וואו מ'וועט טרעפען פרעמדע שחיטה זאגאר בלויז א געשאכטען עוף, וועט ווערען ערקלערט די יאטקע אלס געאסר'ט, און טווערט אנגענומען אלע מיטלען נישט צו לאזען פערקויפען קיין פרעמדע שחיטה. צוליב דעם זאל יעדער קצב זיין פארזיכטיג און קיינער זאל נישט האבען שפעטער קיין שום פרעטענסיע. —

שלטון הקהלה עם ועד הכשרות דפה ווישניאווא.

משה יהודה קערשענבוים רב דפה ווישניאווא-גורא והגליל.

דעם חבר

משה חיים אזשאלעק

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין פרוי

נ"ע רחל לאה

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען ביילייד.

זייט געטרייסט אין אייער צער!

פאמיליע טעמפעלהאף

נאר פאר מענער!

דער לאנג-עקזיסטירענדער לאדזער ערשטקלאסיגע ספעציאליסט פון הויזען איז צוריקגעקומען פון פאריז. ווער עס וויל טראגען הויזען לויט דער לעצטער מאדע דארף זיך ווענדען נאר צו דעם ספעציאליסט פון הויזען.

ב. פיוולעוויטש, אלעע 1. מאי 2, פראנט, 1. שטאק

רעקלאמע פרייזען! קומט און איבערצייגט אייך.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר יהודה לייב אלבערט צוליב'ן טויט פון זיין

פאטער נ"ע

זייט געטרייסט מיט די טראדיצ. ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

חברה „תפארת צעירים" לודז

לעכער

ווערען אויפגענעמט ביי ג. נארדמאן שרודמיעסקא 8.

Dr

Wajnberg

ספעצ. פאר לונגען, הארץ-און סכלעראז-קראנקהה.

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145 טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אוו.

ראטעוועט אייער געזונט

קראנקע אויף רופטורען (ברוך-קראנקהייטען)

ספעציעלע ארטאפעדישע הייל-גומי-באנדאזשען פון מיין מעטאדע העלפען ראדיקאל אונטער גאראנטיע אהן אפעראציעס פון אלע מינים ברוך-קראנקהייטען (רופטורען) אפילו די עלטעסטע און געפעהרליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער

דאס אראפלאזען זיך פון מאגען און קישקעס בעזייטיג איך דורך פערלעגען ספע-ציעלע אינדיווידועל צוגעפאסטע גויך-באנדאזשען. אויף אויסגעקרימטע רוקען-ביין (הוי-קערס) ארטאפעדישע הייל-גארסעטן אויף ביינער-שווינדזוכט און אלע אנדערע פעהלערן ארטא-פעדישע הייל-אפאראטען אויף פלאטפוס.

ספעציעלע איינלאגען לויט גיפס-מאדעלן, אויף זשילאסעב. - גומי-זאקן לויט מאס. קינסטליכע הענט און פיס

ספעציעלער אנשטאלט פאר הייל-ארטאפעדיע

אויס לעמבערג

Spec. Ortop. O. PETRYKIEWICZ

לאדז, פיראמאוויטשא 9 (אלגינסקא)

(פראנט פארטער), טעל. 177-09 נאהנט פון לאדזער פאבריקס-באהנהויף

בעמערקונג: דאס ערשיינען פון די קראנקע איזאויסבעדינגט נויטיג. צאהלרייכע דאנקזאגונגען און דאנק-בריף.

(אין זגערזש אויף טלאמאצקע № 2 און № 4 אייגענע הייזער)

נישטא קיין רדיפות אויף יודיש אין א״י
ערקלערט דער פארזיצער פון דער הסתדרות-קאנפערענץ

תל-אביב, 28 (יט״א טעלעגראפיש)
ס׳איז געשלאסען געווארען די קאנפערענץ פון „הסתדרות״. די פראגע וועגען יודיש האט דער פארזיצער נישט געלאזט שטעלען אויף דער טאג-ארדנונג. דער פארזיצער האט די שטעלונג בעגרינדעט דערמיט, וואס איז אין ארץ-ישראל זענען קיין רדיפות אויף יודיש נישט געווען.

ס׳איז אויך געשלאסען געווארען די קאנפערענץ פון די רעוויזיאניסטען. אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, אז מ׳קען פיהרען ווייטערע פערהאנדלונגען נאר אויפ׳ן יסוד פון די לאנדאנער אפמאכען.

דער מיטגליד פון „הפועל״, וואס האט דערשאסען זיין חבר האט בעקומען א מילדע שטראף

ווארשא, 28 (יט״א טעלעפאניש)
היינט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען אברהם ווילענסקי, וועלכער האט בשעתו אין לאקאל פון „הפועל״ דערשאסען זיינעם א חבר.
ווילענסקי איז פערמשפט געווארען אויף א יאהר תפיסה, דאס אויספיהרען די שטראף אפצולעגען אויף א יאהר.
דאס געריכט האט די מילדע שטראף מאטיווירט דערמיט, וואס וו. האט געשאסען צוליב אונפאר-זיכטיגקייט.

נייער בעוואפענטער אנפאל אויפ׳ן שווים-באסיין פון מכבי אין ווארשא

ווארשא, (טעלעפאניש)
פרייטאג איז ווידעראמאל אויסגעפיהרט געווארען אן אנפאל אויף אן איינריכטונג פון דער ספארט-געזעלשאפט „מכבי״ אין ווארשא, דאסמאל איז עס געווען א בעוואפענטער אנפאל אויפ׳ן שווים-באסיין פון „מכבי״, וואס געפינט זיך ביי דער פאניאטאווסקי-בריק.
פרייטאג פארנאכט זענען אריין אין באסיין עטליכע כוליגאנעס, וועלכע האבען מיט רעוואל-ווערען אין הענד געוואלט צושטערען די איינריכטונגען פון באסיין. דער קריסטליכער וועכטער האט גערופען הילף. די אנפאלער זענען אנטלאפען געבענדיג עטליכע שאסען.
אין 1 שעה שפעטער זענען די זעלבע בעוואפענטע כוליגאנעס ווידער געקומען אין באסיין. דער וועכטער האט אלארמירט די ווייכסעל-ארביי-טער, וועלכע האבען פעריאגט די אנפאלער, וועלכע האבען אויך דאסמאל געגעבען עטליכע שאסען.
די פאליציי האט ביים „מכבי״-באסיין אוועק-געשטעלט א שטענדיגע וואך.

אונלעגאלע „נארא״ ארבייט מעשים אין ווארשא

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)
די פאליציי האט אויף נאווארדא 5 ווידער ענטדעקט אן אונלעגאלע דרוקעריי פון דער „נארא״-ארגאניזאציע. עס זענען קאנפיסקירט געווארען די גוט-איינגעארדענטע מאשינען, שרייב-מאשינען און גרויסע אויפלאגען פון די אפגעדרוקטע אונלעגאלע „נארא״-צייטונגען „שטאפעטא״ און „טשובא״.
עס זענען ארעסטירט געווארען עטליכע פערזאנען.

ערד-ציטערניש אויף די אזארא-אינזלען

פאנטא-דעלגאדא (אזארא-אינזלען) 27 (ספ. טעל.) היינט 5 א זייגער מיט 10 מינוט האט מען דא היגען זייגער געפיהלט א שטארקע ערד-ציטערניש. עטליכע הייזער זענען פערניכטעט, 13 מענשען זענען אומגעקומען.

—=—

די ווירקונגען פון רעומאטיזם

די הויפט-ערטער פון רעומאטישע און ארטרעטישע קראנקהייטען קאנצענטרירען זיך מייסטענס אין די מוסקולען. אדער אין די בעוועגונגס-געלענקען. צוליב דעם פיהלען די קראנקע א פערקלענערטע בעוועגונגס-פעהיגקייט. די ליידענדע טארען נישט פערנאכלעסיגען די פאר זיי דראהענדע צו דער עקזיסטענץ קראנקהייטען און באלד ביי די ערשטע סימפטאמען פון רייסעניש אין די הענט און פיס, ברעכען אין די ביינער און קרייז, נעשווילעכץ, אנהויבען אנ׳ענטשפרעכענדע היילונג. זעהר צאהלרייכע ערצטליכע אבסערוואציעס האבען ארויסגעוויזען אז איינס פון די גוטע מיטלען צו בעקעמפען די דאזיגע קראנקהייטען, האט זיך ארויסגעוויזען אצעטי-לא-סאליצילישער זויער-שטאף, וועלכער צוזאמען מיט די ליט-זאלצען און אנדערע, גיבען א פולע, פערגרעסערטע ווירקונג. אין רעומאטיזם, ארטרעטיזם, פאדאגרע א. אז. וו. ווערט אנגעווענדעט צווישען אנדערע די טאבלעטקעס טאגאל, וועלכע בערוהיגען דעם וועהטאג און ברענגען א פערלייכטערונג. מ׳דארף פערלאנגען אריגינעלע טאבלעטקעס טאגאל צוזאמען מיט׳ן פראספעקט.

—=—

בעדואינער פערלאזען דעם געריכטס-זאל
ווייל דער ריכטער איז א יוד

ירושלים, 28 (יט״א טעלעגראפיש)
31 בעדואינער וועלכע זענען געשטאנען פאר׳ן געריכט, האבען פערלאזען דעם געריכטס-זאל דער-וויסענדיג זיך, אז דער ריכטער איז א יוד. די בעדואינער זענען צוגעצויגען געווארען צו גע-ריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

אויך אין עגיפטען
שארפע אן די דייטשענאצים

קאירא, 28 (יט״א טעלעגראפיש)
דא איז פארגעקומען א פראצעס פון א יוד וואס האט אנגעקלאגט דעם דייטשען קלוב אין קאירא פאר פיהרען אנ׳אנטיסעמיטישע העצע. דער יוד האט דעם משפט פערשפילט.

ענגלישע קינא-אינהאבער
בעטייליגען זיך נישט אין בערלינער צוזאמענפאהר

לאנדאן, 28 (יט״א טעלעגראפיש)
די ענגלישע קינא-אינהאבער האבען בע-שלאסען, נישט אנטיילצונעמען אין דעם צוזאמענפאהר פון די פילם-געזעלשאפטען.

פאליש-אונגארישע האנדעלס-בעציהונגען

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)
נעכטען זענען אין האנדעלס-מיניסטעריום פערענדיגט געווארען די אונטערהאנדלונגען וועגען פויליש - אונגארישע האנדעלס - בעציהונגען.

מיטגעפיהל צום יאפאנישען קייזער
צוליב דער ערד-ציטערניש אין פארמאזא

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)
דער מלוכה-פרעזידענט האט ארויסגעשיקט צום יאפאנישען קיסר א מיטגעפיהל - דעפעשע צוליב דער שרעקליכער ערד - ציטערניש, וואס איז פארגעקומען אויפ׳ן אינזעל פארמאזא, וואו עס זענען געווען אזויפיל מענשליכע קרבנות.

צו דער ערעפנונג פון די פויזנער ירידען

ווארשא, 27 (טעלעפאניש)
דער האנדעלס - מיניסטער רייכמאן פאהרט היינט ארויס קיין פויזען צו דער פייערליכער ערעפנונג פון די פויזנער ירידען.

טאנקס-פערמעסטונגען אין רוים

רוים, 27 (ספ. טעל.)
ביי דער בעטייליגונג פון מוסאליני׳ן זענען היינט נאכמיטאג דא פארגעקומען פערמעסטונגען פון טאנקסען. די פערמעסטונגען האט בייגעוואוינט א קאלאסאל פובליקום.

געווינסען, וואס זענען געפאלען אויף די ביכלעך פון פ. ק. א.

דעם 25. אפריל 1935 איז פארגעקומען אין פ.ק.א. אין ווארשא די 25-טע אין דער רייהע ציהונג פון די פרעמיע - אפשפארונגס - ביכלער סעריע II.
צו 1000 זל. האבען געווינען די אינהאבער פון פאלגענדע ביכלעך:

50467 50525 50677 51442 51924
52816 52918 53317 55164 55624 55690
56122 56476 56601 56750 58028 58545
59194 59610 59831 60052 61670 61752
61819 62069 62213 62327 62890 63450
63483 64987 64989 65134 65370 65502
65535 66940 67060 67280 67647 68005
68397 70483 71496 71527 71625 72805
71872 72165 73602 73723 74046 74352
74529 74765 74814 76100 76409 76658
79484 79610 81869 83420 83468 84445
85430 85748 85792 87791 88357 89239
89491 99915 89919 90548 91343 92789
92875 93512 93621 93995 94583 95444
95713 96188 96368 96551 97172 98472
101052 101466 103586 105076 104166
104179 104669 104710 106177 106255
106791 107009 107204 107472 108882
107897 109725 110531 110919 111328
112066 113345 113532 114365 115596
116131 117730 118168 118711 118989.

די איבערגעבליבענע פון פריהער און נישט אפגענומענע געווינסען פון די ביכלעך גומער 54,229, 84461 און 114080 זענען נאך אפצונעהמען.

פערפלייצונגס-געפאהר אין גאליציען

סטאניסלאוו, 27 (טעלעפאניש)
צוליב די רעגענס, וואס גיסען צעבערוויי אהן איבעררייס שוין גאנצע 20 שעה, איז דאס וואסער אין די טייכען און אין די בארג-טייכען אין דער סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט שטארק גע-שטיגען, אין פאוויאט דאלינא זענען בעדראהט פון דער פערפלייצונג לערך 20 הייזער. נידעריגע ליגענדע ערטער שטעהען שוין אונטערן וואסער. א סך דארפישע וועגען זענען שוין פערגאסען און די קאמוניקאציע איז געשטערט.
אין פאוויאט קאלוש ביים טייך לאמניצא שטייגט דאס וואסער מיט אזא שנעלקייט, אז עט-ליכע הייזער זענען שוין עוואקואירט.
אין פאוויאט קאסאוו האט דער טייך טשע-רעמאש פערגאסען דעם וועג קזשיווארובניא — זשאביע, צוליב וואס די קאמוניקאציע איז איבער געריסען די בריק אויפ׳ן טייך ביסטזשיץ איז צושטערט געווארען פון שטארקען וואסער-שטראם. די רעגענס גיסען אונאויפהערליך.

אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. אן
ארגאניזירט
„ארביס״ פיעטריקאווער 18, טעל. 249-33

קלאנג-קינא-טעאטער
Zacheta
זגערזשער 26
היינט און פאלגענדע טעג!
דער לאנג-ערווארטעטער פילם א. נ.
ציגיינער-מעלאדיעס
הערליכע אויסשטאטונג און גלענצענד שפילען פון אלע ארטיסטען
אין דער הויפט-ראל
Philips Holmes
און אנדערע.
אויסערן פראגראם: אקטועלע נייהייטען.
אנהייב 4 נ. מ. שבת און זונטאג 12 בייטאג

Dr. med.
R. Zalcwasser
כירורג
ציגעל-גאס 19, טעל. 125-17
נעמט אן פון 1–2 און פון 4–6 נאכמ.

רעפרעזענטאנץ - טעאטער „ראזמאיטאשטשי״
ציגעל-גאס 27, טעל. 112-25. דירעקציע: דוד צעלמייסטער.
גאסטשפילן פון די אמעריקאנער סטאר-קינסטלער
סיידי שיינגאלד און סעם אויערבאך

היינט, זונטאג, 4.30 ב״מ ביליגע פרייזן און 9 אווענט (פאפול. פרייזן)
סענסאציע אויף סענסאציע!! די גרעסטע אמעריקאנער טעאטער-אטראקציע
די פרוי וואס שווייגט
אין 3 אקטען מיט א פראלאג, מיט געזאנג און טענץ
סיידי שענגאלד און סעם אויערבאך אין די הויפט-ראלען.
די פרוי וואס שווייגט איז א ניי ווארט אין טעאטער-וועלט, איבערטראפען א ...ן וואס איהר האט ביז יעצט געזען
די פרוי וואס שווייגט איז א פיעסע מיט א גרויסען פערנעהם, די שפאנונג דערגרייכט ביזן העכסטען גראד
די פרוי וואס שווייגט איז ניי און אריגינעל, דער פראבלעם פון אונזער טעגליכען לעבען, די טיפן זענען לעבעדיג
די פרוי וואס שווייגט איז אזעלכע, וואס איהר בעגעגענט יעדען טאג, די טראגעדיע איז אייך נאהענט צום הארץ
די פרוי וואס שווייגט איז גוט געשריבען, גוט געשפילט. פרעגט ביי די וואס האבען געזעהן
די פרוי וואס שווייגט מיט סיידי שענגאלד און סעם אויערבאך — און אלע וועלען אייך איין שטים ג זאגען, אז אזעלכעס האט מען נאך נישט געזעהן.

אנטי=יודישע עקסצעסען פון אוקראינער

וואַרשאַ, 27 (טעלעפאָניש)

דער דעפּוטאַט ד"ר פּ. ראָטענשטרייך איז אַלאַרמירט געוואָרע פון, שטעטעל פּרוכניק, נעבען יאַראָסלאַוו (גאַליציען) וועגען אַנטי־יודישע עקס־צעסען, וואָס זענען פאָריגען פרייטאָג דאָרט אויס־געפיהרט געוואָרען דורך אוקראַינער.

דעם לעצטען פרייטאָג האָבען די אוקראַינער געפּראַוועט דעם פּראַוואָסלאַוונעם „ווielki פּיאָנ־טעק", צו דער געלעגענהייט האָבען זיי זיך גע לאָזט וואַלגעהן איבער יודישע שטובען, וועלכע זיי האָבען דעמאָלירט, אויסגעהאַקט שויבען אין יודישע געוועלבער און בכלל געשלאָגען יעדען יוד, וואָס איז זיי נאָר אונטערגעקומען.

די יודישע בעפעלקערונג פון פּרוכניק איז צוליב די עקסצעסען געווען בעהערשט פון אַ שרעק ליכער פּאַניק. מען האָט זיך אויסבעהאַלטען אין קעלערס און אויף בוידעמס.

די צווילדעטע אוקראַינער האָבען אָנגעהויבען די עקסצעסען מיט אַ מאַנעקין, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ אויסגעשטאָפּטען זאַק, וועלכער איז געווען אָנגעטון אין יודישע לאַנגע מלבושים מיט אַ יודיש היטעל. אויפ'ן מאַנעקין, וואָס האָט געזאָלט פאָרשטעלען אַ יוד, איז געווען די אויפשריפט: „יודאַש". מיט דעם מאַנעקין האָבען די צעיושעטע אוקראַינער אַרומגעקרייזט די גאַנצע שטאָט און דורכגעפיהרט עקסצעסען.

דעפּ. ראָטענשטרייך האָט וועגען די אַנטי־יודישע געשעהענישען אין פּרוכניק אונטערגענומען אַן אינטערווענץ ביי דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשאָ.

„גאט האט זיך בעוויזן אין געשטאלט פון היטלער'ן"

דאס נייע געצענדינעריי אין דייטשלאנד

בערלין, 27 (ספּ. טעל.)

נעכטען אָווענד איז אין ספּאָרט־פּאַלאַץ אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער מיטינג פון דער „דייטשער גלויבענסבעוועגונג". עס האָבען גערעדט די 2 פיהרער פון דער נייער געצענ־דינעריי אין דייטשלאַנד, גראַף רעווענטלאָוו און פּראָפ. האוער.

די אָנהענגער פון דער „דייטשער גלויבענס בעוועגונג", האָט געזאָגט פּראָפ. האוער — גלויבען, אַז גאָט האָט זיך ענטפּלעקט צום דייטשען פאָלק אין געשטאַלט פונם פיהרער פון דייטשען פאָלק, אַדאָלף היטלער און דורך היטלער'ס מעשים.

נייע סאוויעטישע אינסטרוקציעס קיין פאריז

מאָסקווע, 27 (ספּ. טעל.)

דאָ איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ראַט פון די פאָלקס - קאָמיסאַרען, אויף וועלכער ליטווינאָוו האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט פון די פראַנצויזיש־סאָוויעטישע אונטערהאַנדלונגען. ער האָט דערביי בעלויכטען סיי דעם סאָוויעטישען און סיי דעם פראַנצויזישען שטאַנדפּונקט. אין רעזולטאַט פון דער דיסקוסיע האָט ליטווינאָוו אַרויסגעשיקט דעם סאָוויעטישען אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז פּאָטעמקין נייע אינסטרוקציעס. די סאָוויעטישע פּאָליטישע קרייזען זענען זייער אָפּטימיסטיש און פאַרזיכערען, אַז אויפ'ן סמך פון די נייע אינסטרוקציעס וועט די פערשטענדיגונג אין דער נאָהענטסטער צייט דערגרייכט ווערען. ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסען, אַז לאַוואַל'ס וויזיט אין מאָסקווע וועט פאָרקומען פאַר'ן 6־טען מאַי.

נאָך דער זיצונג פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען איז נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען קיין שום אָפיציעלער קאָמוניקאַט.

פּאַריז, 27 (ספּ. טעל.)

„האַוואַס" טיילט מיט: מען האַלט דאָ פאַר מעגליך, אַז דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר פּאָטאָמקין וועט נאָך היינט נאָכמיטאָג קאָנפערירען מיט לאַוואַלען, און אַז דאָס אונטערשרייבען דעם אָפּמאַך וועט פאָרקומען אָנהויב קינפטיגע וואָך.

דייטשלאנד האט 2 מאל אזויפיל קריגס-עראפלאנען, ווי ענגלאנד

לאָנדאָן, 27 (ספּ. טעל.)

„דיילי טעלעגראַף" פערעפענטליכט סענסאַצ־יאָנעלע אינפאָרמאַציעס וועגען דער לופט־בעוואָפנונג פון דייטשלאַנד. לויט די דאָזיגע אינפאָר־מאַציעס פערמאָגט שוין דייטשלאַנד צוויי מאָל אַזוי פיל עראָפּלאַנען, ווי ענגלאַנד האָט אויף צו פער־טיידיגען די גאַנצע אימפּעריע. היטלער האָט גע־מאָלדען סיימאָנען, אַז דייטשלאַנד האָט שוין דערגרייכט דעם פּאַריטעט מיט ענגלאַנד אין דער לופט־בעוועגונג. דער פּאַריטעט איז אָבער נישט לגבי די 480 עראָפּלאַנען, וואָס געפינען זיך אויף די בריטישע אינזלען, נאָר לגבי די 1020 עראָפּלאַנען, וואָס די ענגלישע מיליטער־מאַכט פערמאָגט אויף די שטחים פון דער גאַנצער אימפּעריע.

אזא מוראדיגער סקאנדאל איז נאך אין לאדזער שטאטראט נישט געווען

(ענדע פון דער 1־טער זייט)

צייט און נאָך אַדורכפיהרען געהיימע וואַהלען ער־קלערט דער פּאָרזיצער, אַז געוועהלט זענען געוואָ־רען די ראַטמענער (פּאָדגורסקי (נ.ד.) און טראַוו־קאָווסקי (ב.ב.).

דאַן קומען פאָר וואַהלען פון 4 מיטגלידער און 4 פערטרעטער אין דער פּאַבאַר־קאָמיסיע, וועלכע וועט אַמטירען פון 2 מאַי ביז סוף יוני. ס'ווערען אריינגעטראָגען 3 ליסטעס: פון די ענדעקעס, ב.ב. און פון אַלע יודישע בירגערליכע פראַקציעס. די סאָציאַליסטען נעמען נישט קיין אָנטייל אין דער אָפּשטימונג.

נאָך פאַר'ן אָנהויב פון דער אָפּשטימונג קומט פאָר

דער ערשטער ספּעקטאַקל

קאָוואַלסקי פערלאַנגט צו עפענען א דיסקוסיע וועגען דער פראַגע און ווען ער בעקומט א וואָרט, ערקלערט ער אין נאָמען פון די ענדעקעס, אַז ער פּראָטעסטירט אַמשאַרפסטען געגען צולאָזען יודען אין דער פּאַבאַר־קאָמיסיע' ער אַפּעלירט צו אַלע קריסטליכע ראַטמענער, אַז זיי זאָלען נישט דערלאָזען, אַז יודען זאָלען ווערען מיטגלידער פון דער פּאַבאַר־קאָמיסיע.

ראַטמאַן אַדוו. ווייצמאַן ערקלערט, אַז אַלע אַפּעלען אַן פאַרשלאָגען, וועלכע קומען פון דער ענ־דעקישער זייט זענען אין סתירה צו די פערפּליכטענ־דע געזעצען. דער פּאַראַגראַף 7 פון דער נייער קאָנ־סטיטוציע פערזיכערט גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער אָהן אונטערשיד פון גלויבען און נאַציאָנאַלי־טעט און דעריבער ווען עס קומט א פאָרשלאַג, וועלכע איז געגען דעם, איז דער חוב פון פּאָרזיצער נישט צו דערלאָזען.

וואָס שייך דעם עצם ענין, זאָגט אַדוו. ווייצמאַן

ערפילען מיר אונזער פליכט בנוגע דער מלוכה

מיר דינען אין מיליטער און האָבען דערביי אַלע רעכט, ווייל אין מיליטער ווערט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן יוד און נישט יוד, ווער ס'טראָגט אריין אַזעלכע פאָרשלאַגען, דער ברענגט שאָדען דער מלוכה.

אין מיטען פון דער רעדע פון אַדוואָקאַט ווייצמאַן פּרובט די גאַלעריע און אויך די ענדעקישע ראַטמע־נער צו שטערען דעם רעדנער דורך הוסטען און ברו־מען. דער פּאָרזיצער הייסט אַרויספיהרען פון דער גאַלעריע אַלע די וועלכע שטערען אין דער זיצונג.

ס'ווערען אַדורכגעפיהרט די וואַהלען אויף 4 מיטגלידער און 4 פערטרעטער פון שטאָט־ראַט אין דער פּאַבאַר־קאָמיסיע. ס'ווערן געוועהלט 2 ענדעקעס סטאַלאַרעק און מילער, 1 יוד — רוס (פערטרעטער ראַטמ. פיין) און 1 ב.ב. — שניידער.

דאַן טרעט מען צו פאַר דער דריטער לעזונג פון בודזשעט צו לייענען

די דעקלאַראַציעס וועגען די געשע־הענישען אין שטאָטראַט דעם 2־טען אַפּריל

ווען ס'איז געקומען צו דעם מורא'דיגען סקאַנ־דאַל און געשלעג. אומגעריכט פאַר אַלע איז אָבער ביי דער פראַגע געקומען צו נאָך א גרעסערן סקאַנ־דאַל, ווי דעמאָלס, וועלכער האָט זיך נישט געענדיגט מיט קיין גרויס געשלעג א דאַנק דעם ענערגישען ווידערשטאַנד פון די יודישע ראַטמענער פון איין זייט און פסרדיגען אינטערווענץ פון דער וואָך, וועלכע דער רעגירונגס־קאָמיסאַר האָט געהאַט צו־געגרייט.

דער ערשטער צו לייענער די דעקלאַראַציע האָט בעקומען א וואָרט אין נאָמען פון די פעראייניגטע יודישע פראַקציעס ראַטמאַן מינצבערג. ווי נאָר אָבער ער הויבט אָן צו לייענען

דערהויבען די ענדעקעס א מוראדיגען סקאַנדאַל

זיי קלאַפּען אין די טישען, זידלען און בעליידי־גען די יודען מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע מ'קען

אפילו פון אונטער דער פעדער נישט ברענגען. וואָס העכער ראַטמאַן מינצבערג וויל לייענען די דעקלאַ־ראַציע, אַלס שטאַרקער ווערט דער סקאַנדאַל.

די הויפּט־סקאַנדאַליסטען זענען די ענדעקעס בראָניסלאַוו קאָוואַלסקי, טשערניק, קאַזשוראָווסקי, ד"ר ראַסטקאָווסקי און אַנדערע, דער דירינענט איז דער „אדון" אַליין קאָוואַלסקי. די יודישע ראַטמע־נער בעמיהען זיך נישט צו ענטפערן אויף די שרעק־ליכע בעליידיגונגען, כדי מעגליך צו מאַכען דעם ראַטמאַן מינצבערג צו פערענדיגען דאָס לייענען די דעקלאַראַציע.

אין א געוויסען מאָמענט אין מיטען סקאַנדאַל, לויפט צו טשערניק צום רעדנער־פּולט און רייסט ארויס דעם ראַטמאַן מינצבערג דאָס פּאַפּיר, פון וועלכען ער לייענט די דעקלאַראַציע.

דאָ ווערט ערשט דער אמת'דיגער סקאַנדאַל, די יודישע ראַטמענער פערלאַנגען פון קאָמיסאַר צו רע־אַגירען אויף דער דאָזיגער חוצפּה.

— אויסשליסען טשערניק'ן פון דער זיצונג, שרייען די יודישע ראַטמענער.

די ענדעקעס לויפען צו צו די יודישע ראַטמע־נער און דאָס געשלעג הענגט שוין אין דער לופט, ענדעקישע פויסטען פיילען זיך אין דער לופט, דער ספּעציאַליסט אויף בענקלעך ד"ר ראַסטקאָווסקי האַלט שוין א בענקעל אין דער הויך, גרייט עס צו וואַרפען אין דער זייט פון די יודישע ראַטמענער.

דער ענדעק טשערניק האָט אריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און האָט געשריגען צו ראַטמאַן מינצבערג:

מיט דער כלי, וועלכע איך האב דא אין טאש, וועל איך דעם ערשטען דערשיסען.

דער פּאָרזיצער רעאַגירט ווייטער נישט, נאָר האַלט אין איין קלינגען מיט דעם גלאָק.

ראַטמ. מינצבערג שרייט: מ'דראָהט מיט רע־וואָלווערען, הער קאָמיסאַר, איהר מוזט רעאַגירען.

קאָמיסאַר וואַיעוואָדזקי נעמט די דעקלאַראַציע פון דעפּ. מינצבערג און נאָכ'ן אַדורכלייענען ער־קלערט, אַז קיין שום אָנפאַלען אויף קיינעם איז אין דער דעקלאַראַציע נישט פאַרהאַן.

דעפּ. מינצבערג איז אַליין נישט אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריבונע און ביי אונאויפהערליכע זיד־לערייען, סקאַנדאַלען טופּערייען מיט די פיס מצד די ענדעקעס לייענט ער ווייטער די דעקלאַראַציע. און אין דעם מאָמענט פון קיינעם נישט בעמערקט, איז צום רעדנער־פּולט צוגעקומען

דער ענדעקישער ראטמאן בעלקא און זיך געווארפען שלאגען דעם רעדנער.

צום גליק איז נאָך צו דער רעכטער צייט צוגע־קומען ראַטמ. שטיינשניידער, וועלכער האָט איינגע־האַלטען דעם צעיושעטען ענדעק. בעלקא איז אָבער געווען אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געכאַפּט דעם גאַנ־צען טיש, ביי וועלכען ס'זיצען די סטענאָגראַפיסט־קעס און איהם געוואָרפען אין דער לופט, איינע פון די סטענאָגראַפיסטקעס האָט דערביי בעקומען א שטאַרקען שטויס פון בעלקא'ן.

די אוואַנטורע איז געוואָרען אונבעשרייבליך.

ראַטמ. צערבע (סאָציאַליסט) שרייט: נידער מיט'ן קאָמיסאַר, וועלכער רעאַגירט נישט אויף אַזעלכע זאַכען.

קויל מיט צרות גיט זיך איין אביסעל צו בערו־היגען די צוויאַכמעטע ענדעקישע אוואַנטורניקעס און דאַן זאָגט קאָמיסאַר וואַיעוואָדזקי: מיר האָבען איצט א ביישפּיל דערפון, אַז אין אַזאַ שטימונג קען מען נישט פיהרען די בעראַטונגען.

דער ענדעק סטאַלאַרעק שרייט צום קאָמיסאַר, איהר זענט נישט קיין פּאָלאַק.

קאָמיסאַר וואַיעוואָדזקי: איך לעג פאַר דעם שטאָט־ראַט נישט צו לייענען קיין דעקלאַראַציעס און צוטרעטען צו דער דריטער לעזונג פון בודזשעט.

ראַטמאַן מילמאַן בעט א וואָרט אין א פאָרמע־לער פראַגע. דער קאָמיסאַר וויל דאָס וואָרט נישט ערלויבען.

ראַטמאַן מילמאַן: צי איז דער שטאָט־ראַט פאַר אַלע ראַטמענער גלייך אָדער נישט.

ראַטמאַן ווייצמאַן: צי וועט דער קאָמיסאַר טאָ־לערירען, אַז מ'זאָל שלאָגען אין שטאָט־ראַט.

ראַטמאַן מינצבערג: איך פרעג אָן דעם קאָמיסאַר אויף וואָס פאַר א יסוד ערלויבט ער מיר נישט אי־בערצולייענען די דעקלאַראַציע.

קאָמיסאַר וואַיעוואָדזקי: איך וויל נישט, אַז אין דער דעקלאַראַציע זאָלען זיך געפינען בעליידיגענדע אויסדריקען.

ראַטמ. מינצבערג: דאָס, וואָס געפינט זיך אין דער דעקלאַראַציע האָט טאַקע געשריבען די גאַנצע פּוילישע פּרעסע.

ראַטמ. רוס: אויב דער קאָמיסאַר איז הילפלאָז זאָל ער שליסען די זיצונג.

ראַטמאַן מינצבערג געהט ווידער אַמאָל אַרויף אויף דער טריבונע און וויל נאָכאַמאָל לייענען די דעקלאַראַציע

די ענדעקעס חזר'ן איבער דעם סקאַנדאַל

דעמאָלט ערקלערט דער פּאָרזיצער א הפסקה אויף 10 מינוט.

בעת דער פּויזע האָט דער קאָמיסאַר געפּרובט ווירקען ביי די יודישע ראַטמענער, אַז די דעקלאַראַ־ציע זאָל נישט געלייענט ווערען, נאָר זאָל אריינגע־טראָגען ווערען אין פּראָטאָקאָל.

אַלע יודישע בירגערליכע ראַטמענער האָבען אָפּ געהאַלטען א בעראַטונג און ס'איז בעשלאָסען גע־וואָרען נישט נאָכצוקומען דעם פערלאַנג פון פּאָר־זיצער, אויב דער קאָמיסאַר וועט דאָך די דעקלאַ־ראַציע נישט ערלויבען צו לייענען, זאָל פּראָטעס־טירט ווערען געגען דער האַנדלונג פון קאָמיסאַר און די יודישע ראַטמענער זאָלען פערלאָזען די זי־צונג.

דער קאָמיסאַר האָט דאַן געפּרובט ווירקען ביי די ענדעקעס, אַז זיי זאָלען ערלויבען אַדורכצולייע־נען די דעקלאַראַציע, אָבער אויך די דאָזיגע אינטער־ווענץ האָט נישט קיין ערפאָלג. די הפסקה דויערט איבער א האַלבע שעה און דאַן ווערט די זיצונג ווי־דער געעפענט.

קאָמיסאַר וואַיעוואָדזקי ערקלערט קורץ, אַז צו־ליב דעם, וואָס זיינע בעמיהונגען צו דערפיהרען דערצו, אַז די בעראַטונגען זאָלען געפיהרט ווערען אין רוה און אָרדנונג, האָבען נישט געהאַט קיין ער־פאָלג שליסט ער די זיצונג.

די אָפּאָזיציאָנעלע ראַטמענער פערלאָזען דעם זאַל, די ענדעקעס זינגען דעם „היימן מלאָדיך"

די דעקלאַראַציע

וועלכע דעפּ. מינצבערג האָט געלייענט האָט געהאַט פאָלגענדען אינהאַלט:

אין נאָמען פון דער פעראייניגונג פון די יודי־שע פראַקציעס אין לאָדזער שטאָט־ראַט האָב איך דעם כבוד אָפּצוגעבען פאָלגענדע ערקלערונג: „אַרום גענומען מיט דעם אויפריכטיגסטען ווילען צו אַר־בייטען פאַר'ן וואוויל פון דער מלוכה, שטאָט און בעפעלקערונג, האָבען מיר אָנגענומען די מאַנדאַטען אין לאָדזער שטאָט־ראַט, וועלכע זענען אונז אָנפער־טרויט געוואָרען דורך דער יודישער בעפעלקערונג, אָבער שוין אין סאַמע אָנהויב פון דער אַרבייט האָ־בען מיר זיך געטראָפען מיט דעם אָנגריף פון דער ענדעקישער פראַקציע אויף אונזערע בירגערליכע רעכט, וועלכע זענען אונז פערזיכערט געוואָרען דורך דער מלוכה.

די אַקציע פון די ענדעקעס איז געפיהרט גע־וואָרען אין א פאָרם פון

שאַרפע אָנפאַלען אויפען יודישען פאָלק רעליגיע און שאַנונגען

אין א פאָרם פון עקעלהאַפטע רכילות און זיד־לערייען, פעלשעריען, וועלכע זענען גענומען גע־וואָרען פון פינסטערן מיטעלאַלטער און אויסגע־באָרגט פון שוואַרץ־מאָה'דיגען אַלטוואַרג.

די ענדעקישע פראַקציע האָבענדיג אין איהרע רייהען ראַטמענער, וועמענס איינציגע קוואַליפי־קאַציע איז זיך צו בענוצען מיט יודען־פערסעקוּישע דעמאַגאָגיע, האָט אונז גלייך אָנגעהויבען צו דראָ־הען און דאַן — ווי ס'איז געווען דעם 2 אַפּריל — אָנגעווענדעט מעשים, שאַפענדיג אין זיצונגס־זאַל א קרעטשמע־שטימונג און מאַכענדיג פון איהם אַנ'־אַרענע פון מיאוס'ע געשעהענישען.

די ענדעקישע פראַקציע קאָמפּראָמיטירט בסדר די לאָדזער זעלבסטפערוואַלטונג פאַר דער גאַנצער קולטורעלער וועלט און אַלע בעמיהונגען צו פער־קלענערן די עוולה, וואָס די ענדעקעס מאַכען דעם כבוד פון דער שטאָט־פערוואַלטונג, האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג.

די פעראייניגונג פון די יודישע פראַקציעס אין לאָדזער שטאָט־ראַט, פּראָטעסטירענדיג פייערליך גע־גען די אָנפאַלען אויף אונזער מענשליכען און נאַ־ציאָנאַלען כבוד און אויך געגען די אונערהערטע אָנפאַלען אויף די יודישע ראַטמענער, וואָס איז נאָך נישט נאָטירט געוואָרען אין דער געשיכטע פון דער שטאָט־פערוואַלטונג — ערקלערט, אַז געדולדיג און דויערהאַפט וועט זי ווייטער שטעהען אויף דער וואַך פון די מלוכה־אינטערעסען און אינטערעסען פון דער שטאָט און וועט פעראורטיילען אַלע פּרובען צו פערקלענערן אונזערע רעכט, וועט פערטיידיגען אונזער פערזענליכען און בירגערליכען שטאָלץ און וועט פערלאַנגען פון פּאָרזיצער שוץ בעת די אָנפאַלען פון די רעפּרעזענטאַנטען פון ענדעקישען לאַגער, אויף אונזער צוקונפט.

די סאָציאַליסטישע פעראייניגטע פראַקציעס האָבען אויך אויף דער נעכטיגער זיצונג אַריינגעטראָגען א דרינגענדען פאָרשלאַג וועגען די סעזאָן־אַרבייטער. ס'איז אָבער נישט געקומען צום בעטראַכטען דעם פאָרשלאַג.

* * *

ווי מיר דערוויסען זיך האָבען די יודישע ראַטמענער בדעה אָנצוקלאָגען צו דער פּראָקוראַטור דעם ענדעקישען ראַטמאַן טשערניק, וועלכער האָט זיך אויף דער נעכטיגער זיצונג ערלויבט צו דער אונגער־הערטער דראָהונג מיט דעם רעוואָלווער אויפ'ן חשבון פון די יודישע ראַטמענער.

טעאַטער „פילהאַרמאָניע" 20 נאַרוטאָוויטשאַ 20

לעצטע פאָרשטעלונגען פון גוואַלדיגען שלאַגער מיט די בעריהמטע קינסטלער:
ר. שושנה, א. סאַמבערג, מ. לאַמפּע
מיט זייער אַנסאַמבל.

א. סאַמבערג

ר. שושנה

מ. לאַמפּע

היינט 12.30 פריה 9.15 אָוונט

„באַשקע"

אין 10 בילדער פון רוזשע יאַקו־באָוויטש. רעזשי: מ. לאַמפּע. מוזיק: ד. בייגעלמאַן

אַנסאַמבל: פרויען: ר. שושנה, ה. גאָטליב, ד. רובינאַ, ג. אַמזעל, ר. שטיין' פ. לאַרא. מענער: א. סאַמבערג, מ. לאַמפּע, מ. שאַדאָווסקי, י. טופּמאַן, וו. אַמזעל, א. קאַגאַן און די 12־יעהריגע לעאָלע אַמזעל און לאָלעק דראַגאָוו. אימפּרעסאַריאָ: א. אַבראַמאָוו. בילעטען אין טעאַטער־קאַסע.

די אלטע און די נייע קאנסטיטוציע

וואס האט דער בירגער געוואונען פון דער ענדערונג

אין שיכות דערמיט, וואס די נייע קאנסטיטוציע איז שוין אריין אין קראפט, שרייבט ד"ר טהאן אין „נאווי דזענניק" צווישען אנדערן פאלגענדעס:

„מיר מוזען עס דייטליך זאגען: א גרויסער טייל פון דער געזעלשאפט אין פוילען ערקלערט ענטשידען און איז וועגען דעם טיף איבערצייגט, אז די איצטיגע איז ערגער ווי איהר אומגליקליכע פארגענגערין.

אזוי איז עס — צוזאמען מיט דער דאזיגער גרויסער אפאזיציע, וועגען וועלכער קיינער קען נישט מיט זיכערקייט זאגען, צי זי בילדעט נישט די מעהרהייט פון די בירגער בין איך אויך איבערצייגט, אז אין דער נייער קאנסטיטוציע איז דער גאנצער גייסט, וואס הערשט אין איהר ווי אויך א סך פרינציפיעלע בעשלוסען, נישט קיין אויסבעסערונג פון דער אלטער, וואס איז שוין געגאנגען אין דימיסיע און וועט פון איצט אן זיין א טויטער ביבליאטעקען און ארכיוו־מאטעריאל פאר מענשען, וואס שטודירען פערשידענע סיסטעמען פון קאנסטיטוציעס. די אלע מענשען, אזוי אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, ווי אין דער פרעסע, אין דער וויסענשאפט, אין דעם גרויען המון, וואס זאגט נישט ארויס זיין מיינונג, זענען זיכער, אז דער פאלקסטימליכער דעמאקראטישער כאראקטער, וועלכען עס האט זיך אויסגעצייכענט יענע קאנסטיטוציע, איז געשטאנען העכער, ווי דער הויפטזעכליך אויטאקראטישער כאראקטער, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס די נייע קאנסטיטוציע".

... „ביז איצט האט געהערשט א פארלאמענטארישער סיסטעם, איצט האט זיין ארט פערנומען א פרעזידענטען - סיסטעם. די מאכט פון פרעזידענט איז אויסגעברייט געווארען ביז צו אזעלכע גרעניצען, ביז וועלכע עס דערגעהט נישט די מאכט פון פרעזידענט אין קיין שום רעפובליקאנישע מלוכה. אפילו נישט אין די פעראייניגטע שטאטען פון צפון אמעריקא, וואו די מאכט פון פרעזידענט איז א געוואלדיגע. און מען מוז וויסען, אז דארט האט אזוי געמוזט זיין פשוט דערפאר, ווייל דאס איז א לאנד, וואס בעת עס איז געשאפען געווארען די קאנסטיטוציע, איז עס נאך נישט געוועזען רייף און האט ערשט געמוזט אין משך פון דער צייט צוזאמענוואקסען פון זעהר פערשידענע עלעמענטען. דארט, וואו די מלוכה'שע געזעלשאפט האט געמוזט אויפוואקסען פון א רוסישען פויער, פון א פוילישען ארבייטער און פויער, פון א אינטעליגענטען דייטש, פון יודען פון פערשידענע לענדער א. אז. וו. א. אז. וו. דארט איז פאקטיש נויטיג געוועזען א נארמאלע מאכט, וואס זאל זיין בכוח צו בעצווינגען די פערשידענע אויסשרייטונגען אין די פעראייניגטע שטאטען, איז די מאכט פון פרעזידענט זעהר א ברייטע, - אבער זי דערגעהט נישט ביז צו דער גרעניץ, וואס איז אנגעצייכענט געווארען אין אונזער נייער קאנסטיטוציע פאר דער אויספיהרונגס־מאכט, אויפ'ן חשבון איבריגענס פון דער געזעצגעבענדער מאכט, וואס געפינט זיך אין די הענט פון בירגער אליין.

גענען דער צוטיילונג פון אזא מאכט איין פאקטאר, האט זיך אויפגעהויבען א גרויס און גענוג פערביסענע אפאזיציע. און דער אמת איז, אז קיינער קען נישט געבען קיין ענטפער אויף אזא פשוטע פראגע: צי וואס איז דאס נויטיג? וועמען און וואס קען העלפען אזא אויסשליסליכע און פולשטענדיגע קאנצענטראציע פון דער רעגירונגס־רעפארם, און וועמען און וואס האט די פריהערדיגע פארם, וואס איז אנגענומען אויף דער גאנצער וועלט געברענגט שאדען? די מלוכה איז דאך פאקטיש שטארק געווארען בעת דער הערשאפט פון דער אלטער קאנסטיטוציע: זי האט איינגעפיהרט ארדנונג אינערליך און איז מעכטיג געווארען אויסערליך. מען וועט זאגען: יא, דאס איז דער פערדינסט פון איין בעדייטענדע פערזענליכקייט, וועלכע פיהרט און האט אזוי געפיהרט, אז ער האט דערפיהרט צו גרויסע רעזולטאטען. מענשען לעבען אבער נישט אייביג. מען דארף דעריבער דאס געזעץ פערזיכערן, וואס א גרויסער מענש נעמט זיך אליין. דערין ליגט טאקע דער גרויסער לאגישער פעהלער. גרויסע מענשען קענען זיך א עצה געבען מיט יעדען געזעץ, אבער פאר ווייניגער גרויסע מוז מען האבען א געזעץ, וואס האלט אין צוים און טיילט גענוי צו די בערעכטיגונגען. אזא פרעזידענטען־קאנסטיטוציע ווי אונזערע איז צוגעפאסט פאר גרויסע מענשען און אזעלכע נויטיגען זיך נישט אין איהר. איבריגענס— וואו זוכט מען דאס גרויסע מענשען? וואו וואקסען זיי אין מאסען? דאס געזעץ דארף צוגעמאסטען ווערען צו דעם, וואס מען רופט „גוטע דורכשניטליכקייט". אזא מאטעריאל וועט זיך שטענדיג געפינען און פון איהם דארף מען אויסקלייבען.

און וואס עס ארט אונז יודען, אלס צושפרייטע מינדערהייט נאך מעהר — איז דאס אפשאפען די פראפארציאנעלע וואהלען צו די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. עס איז איצט שווער צו רעדען וועגען וואהלען צו די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען — אין א מעהרצאהל, אויב דער סענאט איז פאקטיש כמעט שוין נישט קיין געוועהלטער קערפערשאפט. איין דריטעל מיטגלידער ווערען נאמינירט און צוויי־דריטעל מיטגלידער ווערען געוועהלט דורך א פערשווינדענד קליינע צאהל פריוויליגירטע בירגער. עס איז גוט, וואס דער „דעצידירענדער פאקטאר" האט עלימינירט וועניגסטענס די עליטע, אבער דאס וואס איז געבליבען איז אלס נאך א עליטע, הגם עטוואס דעמאקראטיש פערברייטערט. אבער וואס בעדייטען בכלל וואהלען אויב די רעגירונג האט א זיכער דריטעל? וויפיל דארף מען נאך, בכדי צו בעקומען א מעהרהייט? צי איז דאס אזוי שווער דעם רעשט זיך צו קלויבען אפילו ביי עהרליכע וואהלען

מיט איין ווארט: דער סענאט וועמענס רעכטליכע קאמפעטענץ און איינפלוס מען האט אזוי געוואלדיג אויסגעברייט, געהערט שוין אייגענטליך נישט צו די געזעצגעבערישע קערפערשאפטען, וואס ווערען קאנטראלירט דורך דער געזעלשאפט. און דאס פערשטעהט זיך, בעדייט א שטארקע פערקלענערונג פון די בירגערליכע רעכט.

אבער גענוג מיט קריטיק. זי איז נישט געוועזן ווירקזאם, ווען זי איז געוועזן אין דער צייט, און זי ווערט נישט וויכטיגער און נויטיגער, דאן ווען זי קען בכלל שוין גארנישט העלפען. מען מוז אננעמען דעם געשעהענעם פאקט ווען אויך אהן צופרידענהייט און מיט א גרויסער מאס אונרוהיגקייט און ספקות בנוגע דער צוקונפט. מען האט געמאכט א זעהר שטארקען און ריזיקירטען עקספערימענט און עס האבען איהם געמאכט מענשען, וועמענס עטישע ריינהייט און פאטריאטישע פאטענץ שטעהען איבער יעדע קריטיק. מען דארף דעריבער זיי איבערלאזען די גאנצע פעראנטווארטליכקייט פאר דעם, וואס איז געמאכט געווארען.

און אונז, די געגנער פון דאזיגען עקספערימענט בלייבט איבער נישט עפעס אנדערש, ווי נאר אויסצודריקען דעם וואונש און שטרעבען, אז דער דאזיגער עקספערימענט זאל נישט ברענגען קיין שאדען דער מלוכה. אין דער איבערצייגונג, אז די דאזיגע קאנסטיטוציע איז נישט קיין געזונדער, שטארקער און אונערשיטערליכער פונדאמענט, אויף וועלכען מען קען גוט און דויערנד בויען, ווינשען מיר אבער, אז זי זאל זיך ארויסווייזען מינדעסטענס אזוי שטארק, אז אין בנין איבער איהר זאלען נישט ענטשטעהן קיין שפארעס. מען קען זיך אפטמאל טרייסטען אויך דערמיט, אז די געזונדע מלוכה קען אויסהאלטען אפילו א שלעכטע קאנסטיטוציע".

און די פוילישע מלוכה איז געזונד. וועגען דעם איבערצייגט אונז אלץ, וואס עס טוט זיך ארום אונז אויף דער וועלט. פוילען איז איינער פון די געזונדע פונדאמענטען פון איצטיגען שלום און ארדנונג אויף דער וועלט. זי וועט אויך די קאנסטיטוציע אויסהאלטען".

——=——

די ראסען־ריינקייט פון דער דייטשער בעפעלקערונג

פרייסישע בעפעלקערונג האט ניין צעהנטעל סלאוויש בלוט און פון גאנץ דייטשלאנד דריי פערטעל

אין דער ענגליש־אמעריקאנישער פרעסע איז פערעפענטליכט א לעקציע פון פראפעסאר פון אוניווערזיטעט אין קאליפארניען, פאדאווער, וועגען דעם „צפון ארישען מיטאס". דער דאזיגער טערמין איז צום ערשטען מאל בענוצט געווארען, אין דער דייטשער וויסענשאפט דורכ'ן דייטשען געלעהרטען מילער, וועלכער האט ענטשידען אפגעווארפען די מעגליכקייט, אז דאס ווארט „אריער" זאל קענען בענוצט ווערען לגבי וועלכען עס איז שבט אדער פאלק". מיט'ן דאזיגען ווארט קען מען לויט זיין מיינונג בעצייכענען נאר א שפראך. דער פראנצויזישער דילעטאנט גאבינא און דער ענגלענדער משעמבערלען זייענדיג אין כעס אויף זייער „דעמאקראטישע" מיטבירגער, האבען אויפ'ן יסוד פון מילערס פארשונגען געשאפען דעם מיטאס פון דער צפונדיגער ארישער ראסע, וועלכע דער דייטשער גרויסער געלעהרטער ווינכאוו האט בעצייכענט אלס א ריינע פיקציע

ווען מען זאל אפווארפען אלע פאנטאזיעס און סברות וועגען דער ענטשטעהונג פון די דייטשען קומט מען צום בעשלוס, אז ריכטיג זענען נאר פאלגענדע פאקטען: אין די ערשטע יאהרהונדערטער פון אונזער צייטרעכנונג, האבען די דייטשע שבטים געטריבען פון הונגער זיך אנגעהויבען צו דערנעהנטערען אויף דרום צו די גרעניצען פון דער רוימישער אימפעריע. ווען פון אזיען האט זיך א לאז געטון אויף דייטשלאנד אטילאס מחנות, האבען זיך דייטשען אריינגעריסען אין דער רוימישער אימפעריע. הגם צווישען די גערמאנער און הונען איז נישט געווען קיין שום קרובה'שאפט האבען זיי אבער דאך די רוימער אויסגעמישט איינע מיט'ן צווייטען, ווייל ביידע פעלקער האבען זיך געפינען אויף איין ענטוויקלונגס־שטופע און ביידע האבען זיך געיאגט נאך רויבערונגען. די דאזיגע וואנדערנדיגע שבטים האבען פערכאפט די געביטען ביים דונאי און זיי האבען אהן שום ספק איבערגעלאזען די שפורען פון זייער ראסע אין היינטיגען רומעניען, אונגארן און דרום־דייטשלאנד. דער צווייטער ראסען צומיש, וואס די דייטשען האבען איינגעשלינגען אין א ריזיגען מאסשטאב, זענען די סלאווען, די סלאווען האבען זיך געריקט אויף צפון און זענען געווען געטיילט אין אהן א צאהל שבטים, זיי זענען געווען נישט „ריינבלוטיג" און נישט צפונדיג. שוין אין צווייטען יאהרהונדערט פון אונזער צייט רעכנונג זענען די סלאווען צוגעקומען ביז צו דער ווייסעל און עלבע. אין פינפטען יאהרהונדערט זענען זיי אריבער די עלבע און פערנומען ריזיגע שטחים אויף מערב פון קיעל און אויף דרום ביז טריעסט. נאר א פערהעלטנישמעסיג קליינע טעריטאריום צווישען רהיין און סאלאם איז געווען בעוואוינט פון א מיליאן גערמאנער, אבער אויך דארט זענען אריינגעדרינגען די סלאווען.

אנ'ערך צוויי דריטעל פון היינטיגען דייטשלאנד איז געווען פערנומען פון די סלאווען. זיי האבען דארט געלעבט פינף הונדערט יאהר און אין אנדערע געגענדען טויזענד יאהר. ביי אזעלכע בעדינגונגען איז לעכערליך צו רעדען וועגען עפעס א ריינע צפונדיגע ראסע. ערשט אין נייענטען יאהרהונדערט האבען די דייטשען אנגעהויבען זייער בעוועגונג אויף מזרח. (דראנג נאך אסטען). אין אנהויב האבען זיי נישט געהאט קיין ערפאלג, ווייל דער פוילישער קעניג באלעסלאוו דער דרייסטער האט דאן געשאפען א שטארקע פוילישע מלוכה, ערשט אין צוועלפטען יאהרהונדערט ווען די דייטשע ריטער האבען ארגאניזירט געגען די סלאווען קרייץ־צוגען, האבען זיי פערנומען מעקלענבורג, פאמערן, בראנדענבורג, זאקסען און שלעזיען. די סלאווען זענען דאן, ווי די דייטשען האבען געזאגט, „איינגעשלינגען געווארען" ד. ה. עס איז פארגעקומען א אויסמישונג פון די ראסען.

אלזא, צוערשט איז געקומען א צומיש פון בלוט, וואס איז געקומען פון די וואנדערנדיגע שבטים פון אזיען, די הונען א. אנדערע. דאן איז אין משך פון א סך יאהר־הונדערטער צוגעקומען זעהר א סך סלאוויש בלוט. אין זיבעצעהנטען יאהרהונדערט איז נאך א צומישונג פון א סך ראסען. דאס איז געשעהען בעת דעם 30־יעהריגען קריג, בעת וועלכען אלע פעלקער פון אייראפא, פון די שוועדען ביז צו טאטארען, זענען אדורך גאנץ דייטשלאנד ראבירענדיג און פערגוואלדענדיג פרויען. מען נעהמט אן, אז פון די 16 מיליאן דייטשלאנדס, איז נאך דעם 30־יעהריגען קריג געבליבען 4 מיליאן. דער כיים אין נירענבערג האט דאן אנגענומען א בעשלוס אז גלחים זאלען חתונה האבען און אז יעדער דייטש זאל נעהמען צוויי פרויען. נישט נאר עס איז פארגעקומען א אויסמיש פון בלוט, נאר אפילו די שפראך און מנהגים האבען בעוויזען דייטליכע שפורען פון פרעמדע ראסען. א דייטשער שריפטשטעלער פון 17־יאהרהונדערט האט דאן געשריבען, אז א „דייטש בעשטעהט פון פינף אכטעל פראנצויז, איין אכטעל איטאליענער, איין אכטעל שפאניער און נאר פון איין אכטעל דייטש.

דער גרינדער פון היינטיגען פרייסען, דער גרויסער קורפירשט פירדריך ווילהעלם, האט נישט געקענט קיין שום ראסען פאראורטיילען. ער האט זיך געיאגט נאך הויכע שטארקע מענער, ער האט זיי גענומען דארט ווי ער האט נאר געקענט און האט אויך זעהר גערן געכאפט סלאווער. אויך פרידריך דער גרויסער האט נישט ליב געהאט נישט די דייטשע שפראך נישט די דייטשען און האט דאס לאנד קאלאניזירט מיט אויסלענדער. נאך דער צוטיילונג פון פוילען האט פרידריך פערנומען גרויסע שטחים פוילישע ערד מיט פוילישער בעפעלקערונג. דער זאקסישער פארשטעהער האט דאן געמאלדען דעם זאקסישען הויף, אז דער קייזער האט בעפוילען צו נעהמען 7000 פוילישע מעדלעך אין עלטער פון 16 יאהר, צוזאמען מיט בעטגעוואנד, קישענס דעקען, צוויי חזירלעך און דריי גאלד דוקאטען. די מעדלעך זענען פערטיילט געווארען אלס פרויען צו פערשידענע דייטשע קאלאניסטען. אין 1770 יאהר איז דער זעקסטער טייל פון דער פרייסישער בעפעלקערונג געווען קאלאניסטען, וואס האבען געשטאמט פון האלענדישע טשעכישע אדער פראנצויזישע קאלאניסטען. בכלל קען מען רעכענען, אז די בעפעלקערונג אין פרייסען האט ניין צעהנטעל סלאוויש בלוט און די בעפעלקערונג פון גאנץ דייטשלאנד ענטהאלט ביז דריי פיערטעל סלאוויש בלוט.

——=——

די שרעקליכע ערד־ציטערניש אויף פארמאזא

די אינזעל וואס געהערט צו יאפאן! און ווערט קאלאניזירט דורך כינא

די ערד־ציטערניש, וואס איז אויסגעבראכען אויפ'ן שטילען אקעאן, אויף דער אינזעל פארמאזא, וואס געהערט צו יאפאן, האט זיך שפעטער איבערגעטראגען אויפ'ן גאנצען ריזיגען געביט פון אזיען. די אינזעל פארמאזא זעהט אויס ווי א חורבה. א נייער ערד־שטויס האט געבראכט נייע קרבנות. 3.100 טויטע, 10.000 פערוואונדעטע, 30 טויזענד צושטערטע הייזער און איבער הונדערט טויזענד מענשען אהן א דאך איבער'ן קאפ, דאס איז דער ביז איצטיגער בילאנס פון דער שרעקליכער נאטור־קאטאסטראפע. ווייל דער וואולקאן איז נאך אין זיין פולער אקטיוויטעט און זיינע אויסברוכען זענען געווען א פארשפיל צו דער ערד־ציטערניש. די יאפאנישע מאכט בעמיהט זיך ווי אמשנעלסטען צו שאפען א הילפס־ווערק. טויזענדער פריוויליגע האבען זיך געמעלדעט. א גרויסע שטערונג זענען די געוואלדיגע רעגענס, וואס גיסען אהן אויפהער. א חוץ דעם אין די געגענד, וואס איז געטראפען געווארען פון אומגליק בעוואוינט פון א ווילדער פרימיטיווער בעפעלקערונג, וואס האט צוליב'ן אומגליק פולשטענדיג פערלוירען דעם קאפ.

די ערד־ציטערניש האט זיך אבער אויסגעשפרייט אויך אין אזיען. אויך פון צפון־איראן, ווי עס ווערט איצט אפיציעל גערופען פערסיען, מעלדעט מען וועגען א שרעקליכער ערד־ציטערניש. אין דער פראווינץ מאזערדעראן, ביים קאספישען ים, איז געקומען צו א קאטאסטראפע. די געגענד דא פאנקע, טשאנדאגע און לעזארדאריב האבען אמ־מייסטען געליטען. ביז איצט האט מען שוין פון אונטער די חורבות ארויסגענומען 600 טויטע. אויך דא זענען די זעלבע סצענעס פון פאניק און פערצווייפלונג. אויך דא זענען צושטערט געווארען אלע שאסעען און טעלעגראפען־ליניען און טויזענדער מענשען געפינען זיך אויפ'ן פרייען פעלד אהן א דאך איבער'ן קאפ.

וואס שייך דער אינזעל פארמאזא, וואס געהערט צו יאפאן, איז זי אזוי גרויס ווי די שווייץ און האט 4 מיליאן איינוואוינער. אויף דער אינזעל געפינען זיך הויכע בערג, וואס גרייכען ביז 4000 מעטער הויך. דער סובטראפישער קלימאט פון פארמאזא איז פייכט און היים און פאר אייראפעער איז ער שעדליך. די בערג זענען נאך בעדעקט מיט אורוועלדער, אין וועלכער עס לעבט נאך די אמאליגע בעפעלקערונג פון דער מאלאיישער ראסע, וואס האט זיך צוריקגעצויגען אין די וועלדער און פיהרט דארט א פרימיטיוו לעבען פון נאטור־מענשען. זיי געפינען זיך אין א שטענדיגען קאמף מיט ניי־איינגעוואנדערטע קאלאניסטען פון די טהאלען און פון דער מערב'דיגער טיפעניש.

אין 16 און 17 יאהרהונדערט האבען די פארטוגאלער און שפעטער די האלענדער בעהערשט די אינזעל, וואס איז געווען א באזע פאר ים־רויבער. עס זענען דארט פארגעקומען כסדר'דיגע קאמפען ביז אין יאהר 1661, ווען דער רויבער־אטאמאן קאסיגנא האט פערטריבען אלע ווייסע פון דער אינזעל. ער אליין איז אבער אויך געפאלען אין קאמף מיט די כינעזער, וועלכע עס איז געלונגען צו פערכאפען די אינזעל.

נאך דעם אומגליקליכען קריג מיט יאפאן האט כינע אין יאהר 1895 געמוזט איבערגעבען די אינזעל די יאפאנער. די נייע עראבערער האבען אנגעהויבען א סיסטעמאטישע קאלאניזאציע פון דער אינזעל. עס זענען דארט פערפלאנצט געווארען צוקער־רויהר, רייז און טעע. די הויפט־זאך ווערט אבער דארט געפלאנצט דער קאמפער בוים, פון וואס מען ציהט דעם קאמפער. פון צייט צו צייט ברעכען דארט אבער אויס פערביטערטע קאמפען מיט דער ווילדער בעפעלקערונג, די אזוי־גערופענע קאפ־יעגער וועלכע פערטיידיגען זיך געגען די ניי־אנגעקומענע אין זייערע אונדורכדרינגליכע בערג און וועלדער.

אויף דער אינזעל געפינט זיך אויך א סך קופער אבער די יאפאנער שלעפען אויך פון דארט ארויס גאלד און זילבער. קויהלען האט מען דארט נישט געפינען. דאגעגען האט מען אויף דער אינזעל ענטדעקט נאפט־קוועלען.

הגם פארמאזא געפינט זיך שוין זייט 40 יאהר אונטער דער יאפאנישער הערשאפט, האבען זיך דארט ערשט בעזעצט סך־הכל 200 טויזענט יאפאנער, בעת אין דער זעלבער צייט האבען שוין דארט איינגעוואנדערט כמעט 2 מיליאן כינעזער, אזוי אז עס איז גארנישט אויסגעשלאסען, אז פריהער אדער שפעטער, וועט די אינזעל געהערען צו די, וואס קאלאניזירען פאקטיש דאס לאנד, און נעמליך די כינעזער.

געזעלשאַפט
פריינד פונ'ם העבּרעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים
אָפּטיילונג אין לאָדז.

זונטאָג, דעם 28 אַפּריל ה. י. 12 אַ זייגער מיטאָג קומט פאָר אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" צעגעלניאַנע 27

א פייערליכע אַקאַדעמיע

לכבוד דעם צעהן-יעהריגען יובילעאום פונ'ם העבּרעאישען-אוניווערזיטעט אין ירושלים. מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען: דער בעריהמטער פוילישער שריפטשטעלער אַנדזשעי סטרוג, דיר. מ. בראַנדשטעטער, ד"ר ירמיהו פרענקעל (אין נאָמען פון „תרבות", און אַדוו. ז. שטרויך. אין מוזיקאַלישען טייל בעטייליגען זיך: אַרטור באַלזאַם (פּיאַנאָ), לעא ריאַזאַנצעוו (געזאַנג) און דער כאָר פון דער יודישער פרויען-גימנאַזיע אונטער דער אָנפיהרונג פון פראָפ. פּיוּוישים.

בילעטען אין פרייז פון 25 גראָשען ביז 2.50 זל. שוין צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 10 אַ זייגער אָוונט.

צעהן-יעהריגער יובל פון העבּרעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים

מעז איז אויף א דרך

אויף דעם בילד פון פיליכאָווסקי, וואָס שטעלט פאָר די ערעפנונג פון דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט פונקט אין דעם מאָמענט ווען לאָרד באַלפור אָנגעטון אין דער רויטער טאָגע פון אוניווערזיטעט-קאַנצלער האַלט די ערעפנונגס-רעדע, זעהען מיר אויף דער טריבונע, אין דער סאַמע מיט פון דער ערשטער רייה נעבען סאָקאָלאָוו און די רבנים, נעבען אחד-העם'ען און ביאַליקן — אויך חיים ווייצמאַנען; אויף זיין פנים ליגט צעגאָסען א ברייטער שמייכעל פון אַזא גרעלער זעלבסטצופרידענהייט, יאָ, פון אַזא געגווידערטער גאוה, אַז ס'איז — דעם אמת געזאָגט — אַזש פריקרע. עפּעס פּאַסט גאָר נישט דער דאָזיגער אויסדרוק פון פּעטער, צעפלאָסענער גאוה'דיגקייט צו דער פאָרשטעלונג וואָס מיר האָבען וועגען דעם שטרענגען, כסדר אומצופרידענעם אמת-זאָגער ווייצמאַן, וואָס קאַרגט נישט מיט קיין שטראָף-רייד אפילו דעמאָלט ווען מען מאַכט איהם פּאַראַדעס און אָוואַציעס. עס פּאַסט אויך נישט צו דער פאָרשטעלונג וועגען ווייצמאַן דעם אָפּגעמאָסטענעם און איינגעהאַלטענעם דיפּלאָמאַט, וואָס קען זיכער, וואָס מוז דאָך קענען איינהאַלטען זיינע בעוועגונגען און זיין מימיק. דאַן — וואָס איז דאָ די גדולה? אמת ס'איז איהם געלונגען צו יענער צערעמאָניע פונם 1טען אַפּריל 1925 אַראָפּצובּרענגען דעם אַכציגיעהריגען לאָרד באַלפור קיין ארץ ישראל, און אַרום דער טריבונע האָבען זיך פערזאַמעלט איבער 10 טויזענט מענשען פון אַלע עקען וועלט. אָבער „געעפענט" האָט מען דאָך דאַמאָלט אייגענטליך עפּעס, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געוועזן. סך הכל האָט דאַמאָלט עקזיסטירט בלויז דער יודאַאיסטישער אינסטיטוט מיט גאַנצע פיר פּראָפעסאָרען.... האָבען זיך טאַקע אין יענע טעג — ווי מיר געדענקען — געלאָזט הערען נישט נאָר פון געגנער נאָר אויך פון גוטע פריינד שאַרפע ווערטער פון קריטיק. יאָ מען האָט אפילו גערעדט וועגען — בלאָף!

איז הייסט עס מיר מוזען אפשר אַרויפלייגען די שולד אויף פיליכאָווסקין, פאַר וואָס ער האָט דעם שטרענגען, איינגעהאַלטענעם ווייצמאַן, דווקא געוואָלט אָנטון אַ פנים פון יענער אויפגעבלאָזענער גאוה, וואָס איז אַזוי פריקרע פאַרן אויג?

ניין! קען זיין אַז דער מאָלער האָט אַביסעל איבערגעטריבען, עפּעס צוגעטראַכט, אָבער אין דער אמת! האָט טאַקע ווייצמאַן אין יענעם מאָמענט געדאַרפט זיין גאַנץ בעזונדערס זעלבסט-צופרידען, ער האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ גאַנץ בעזונדערען פּערזענליכען טריומף.

זייט-דעם יאָהר 1902 ד.ה. זייט דעם פינפטען ציוניסטישען קאָנגרעס, איז דער געדאַנק וועגען גרינדען אַ העבּרעאישע אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל געוועזן די „פיקס-אידעע" פון ווייצמאַנען. אויף אַלע שפּעטערע קאָנגרעסען פון פאַרן קריג האָט ער זיין געדאַנק פערטיידיגט, און אַלע האָבען דאָס געהאַלטען גלאַט פאַר א שטיק משוגעת; אַזוי אונאַקטועל און אונפּראַקטיש האָט אויסגעזעהען דער געדאַנק אין די אויגען פון די קאָנגרעס-אַנטיילנעהמער, וואָס קיין פאַנטאַסטען האָבען צווישען זיי דאָך זיכער נישט געפעהלט.

אין חודש יולי 1918, נאָך אין מיטען וועלט-קריג ווען די ענגלענדער האָבען נאָר וואָס געהאַט איינגענומען א טייל פון ארץ ישראל האָט ווייצמאַן נישט געהאַט קיין-ביליכערם צו טון, ווי צו אַראַנזשירען אויפ'ן הר-הזיתים די צערעמאָניע פון לעגען דעם גרונדשטיין פון דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט, און ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען די גאַנצע אויסטערלישקייט פון דעם ענין, ער האָט דאַמאָלט אַליין ערקלערט, אַז „אויפן ערשטען בליק זעהט עס אויס ווי א פּאַראַדאָקס, ווען מען הויבט אָן אין א לאַנד, וואָס שרייט נאָך דעם אַקער-אייזען, וואָס שרייט נאָך שאָסען און האַפענשטעט, מיט לייגען א גרונדשטיין אונטער א צענטר פאַר גייסטיגער ענטוויקלונג". אָבער ער האָט געהאַלטען אַז א פּאַראַדאָקס איז דאָס נאָר אין די אויגען פון „די וואָס קענען נישט די יודישע נשמה". ביי אונז יודען — האָט ער ערקלערט, — פערנעמט דאָס גייסטיגע תמיד דעם אויבענאָן, פאַר א צענטראַלער קולטור-אינסטיטוציע, איז קיינמאָל נישט צו פריה.

דאַן איז געקומען דער ערשטער אַפּריל 1925, קיין ערעפנונג פון דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט איז דאָס אין תוך גענומען נישט געוועזן. ווייל ווי געזאָגט, ס'איז נאָך נישט געוועזן וואָס צו עפענען. ס'איז נאָר געוועזן א דעקלאַראַציע וועגען אַן-אוניווערזיטעט, וואָס מען געהט גרינדען. אויך ביי דער „דעקלאַראַציע" איז באַלפור געוועזן א מחותן. דאָס מאָל איז ער אָבער געוועזן נישט דער געבער

פון ד"ר נתן עק

פון דער דעקלאַראַציע, נאָר דער קרוין-עדות וועלכער האָט אין יענעם טאָג עדות געזאָגט פאַר דער גאַנצער וועלט — און וואָס דער אַכציגיעהריגער באַלפור האָט געזאָגט, צו דעם האָט זיך טאַקע די וועלט צוגעהערט, — אַז די העבּרעאישע אוניווערזיטעט וועט לויט זיין איבערצייגונג „מיט איהרע פעהיגע פאָרשער, וואָס וועלען אוודאי צו איהר קומען, זיכער נישט בלייבען הינטערשטעליג הינטער וועלכע ס'איז אַנדערער הויכשול אין דער וועלט". „אין פער טרויען אין איהר צוקונפט—האָט ער געענדיגט זיין רעדע — עפען איך די העבּרעאישע אוניווערזיטעט".

דאָס האָט געזאָגט דער קרוין-עדות, דער געבער פון דער דעקלאַראַציע איז דאַסמאָל געוועזן אייגענטליך ווייצמאַן. ביידע דעקלאַראַציעס זענען נאַטירליך געוועזן נאָר אַן'אָנזאָג פון פערווירקליכונג. די באַלפור-דעקלאַראַציע איז געוועזן אַן'אָנזאָג וועגען דער פערווירקליכונג פון אַן'אידעע, וואָס איז געוועזן דאָס אייגענטום פון א סך דורות, אַזוי צו זאָגען די „פיקס אידעע" פונם גאַנצען יודישען פאָלק. די אוניווערזיטעטס-דעקלאַראַציע איז געוועזן אַן'אָנזאָג וועגען דער פערווירקליכונג פון ווייצמאַנס אייגענעם חלום, פון זיין פריוואַטער „פיקס אידעע".

האָט ער דעריבער געהאַט וואָס צו טריומפירען ביי יענער דעקלאַראַציע האָבען אַלע ציוניסטען געמעגט מיטטריומפירען ביי דער דעקלאַראַציע האָט ער געמעגט בעטראַכטען דעם טריומף פאַר זיין אייגענעם פון דעם נחת איז ער נישט מחויב געווען אָפּצוגעבען קיינעם א ברעקעל. און אָט דעם דאָזיגען ברייטען פריוואַטען נחת האָט אונז דער מאָלער פיליכאָווסקי איבערגעגעבען אין זיין בילד.

איצט ווי האַלט עס מיט דער פערווירקליכונג פון דער אוניווערזיטעטס-דעקלאַראַציע? דערויף וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז מיט איהר איז די אייגענע מעשה, וואָס מיט דער באַלפור-דעקלאַראַציע. אויפגעטון איז געוואָרען גאָר א סך. מאַנכע זענען שטאַרק צופרידען און שעפּען גרויס נחת. אַנדערע ווידער קרעכצען, ווייל זיי איז אַלץ ווייניג, אַלץ געהט צו לאַנגזאַם אַלע זענען אָבער מסכים אַז מען איז אויף א דרך.

וואָס עקזיסטירט היינט אין דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט?

ס'איז פאַראַנען א פאַקולטעט פאַר הומאַניסטישע וויסענשאַפטען און זי נעהמט אַרום קודם דעם יודאַאיסטישען אינסטיטוט מיט פאָלגענדע פאַכען: תלמוד, יודישע געשיכטע, פאַלעסטינע-פאָרשונג יודישע פילאָזאָפיע, העבּרעאישע שפּראַך, נייהעבּרעאישע ליטעראַטור, תלמודיש רעכט, די ליטעראַטור פון די גאונים-עפּאָכע, און די רבנישע ליטעראַטור, שפּאַניש-העבּרעאישע פּאָעזיע, תנ"ך-וויסענשאַפטען, יודישע סאָציאָלאָגיע, קבלה, אַלט-יודישע אַרכעאָלאָגיע. אויסער די דאָזיגע יודישע פאַכען געהערען צום הומאַניסטישען פאַקולטעט דערוייל פאָלגענדע אַלגעמיינע פעכער: מזרח-וויסענשאַפט, וואו עס געהערען אַריין: אַראַבּישע שפּראַך, ליטעראַטור, און געשיכטע און די אַרכעאָלאָגיע און ציוויליזאַציע פונם נאָהענטען אָריענט, דאַן—פילאָזאָפיע, קלאַסישע שפּראַכען, אַלגעמיינע געשיכטע, ראָמאַנישע שפּראַכען, דער מאַטעמאַטישער אינסטיטוט איז דערוייל אויך אַנגעשלאָסען צו דעם הומאַניסטישען פאַקולטעט.

דער צווייטער, דער נאַטור-וויסענשאַפטליכער פאַקולטעט האָט דערוייל קאַטעדרעס פאַר באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, ביאָלאָגישע כעמיע, באַקטעריאָלאָגיע, היגיענע און פּאַראַזיטאָלאָגיע. ס'ווערען געבויט לאַבּאָראַטאָריעס פאַר קרעבס-פאָרשונג — צוויי לאַבּאָראַטאָריעס זענען שוין פאַרטיג. שליסליך דאַרף מען דערמאָהנען אַז ס'זענען שוין געמאַכט געוואָרען די פאָרבּערייטונגען פאַר דער גרינדונג פון דער אוניווערזיטעט-קליניק, וואָס וועט זיין די גרונד לאַגע פאַר דער קומענדיגער מעדיצינישער פאַקולטעט.

ביי אַלע פעכער איז פאַראַן די שטרעבונג צו פערקניפּען די פאָרשונגען מיט די אייגענשאַפטען און בעדערפענישען פונם לאַנד. דער אַלטער פּראָבּלעם, וואָס זאָל זיין די הויפּט-אויפגאַבּע פון דער אוניווערזיטעט צי זאָל דאָס זיין א מקום מקלט פאַר די יודישע סטודענטען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס קאָנען נישט אַנקומען אין פרעמדע אוניווערזיטעטען, צי אין דער ערשטער רייה א פאָרשונגס-צענטער — איז נאָך נישט גאַנץ געלעזט.

א זעהר וויכטיגער אויפטו — דאַכט זיך ביז-איצט דער ביליקסט געדאַנק געוועזן— זענען די אוניווערזיטעטס-קורסען אין תל-אביב. דער געדאַנק איז, אַז די פאָרשונגס אַרבּייט פון די געלערנטע און אויך די אונטעריכטס אַרבּייט פון די פּראָפעסאָרען זאָלען נישט בעגרעניצט זיין אויף דעם שטח פון די אוניווערזיטעטס-בנינים און נישט אויף דעם ענגען קרייז פון סטודענטען. דער ברייטער עולם וויל אויך געניסען פון די קוואַלען פון וויסענשאַפט. קומען דעריבער אַראָפּ די פּראָפעסאָרען פון ירושלים קיין תל אביב, און האַלטען דאָרט פאָרלעזונגען פאַר א סתם עולם, נישט דווקא סטודענטען, וועגען פערשידענע וויסענשאַפטליכע פאַכען. דאָס איז ריינע תורה לשמה מצד די צוהערער.

דאָס איז א קורצע סקיצע פון דעם וואָס די אוניווערזיטעט איז ביי היינטיגען טאָג. ס'זענען פאַראַן זעהר שעהנע פּלענער אויף די נאָהענטסטע פינף יאָהר. דער רעקטאָר דר. מאַגנעס האָט זיי איבערגעגעבען דאָ נישט לאַנג דורכן ראַדיאָ פון ירושלים, קיין אַמעריקא, נאָר דאָ איז נישט דער אָרט צו רעדען דעריבער. ס'איז כדאי נאָר צו בעמערקען, אַז דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט קאָן זיך נישט ענטוויקלען תמיד לויט א פאָראויס בעשטימטען פּלאַן צוליב דעם איינפאַכען גרונד, ווייל די פערשידענע נדבנים וואָס שענקען גרעסערע סכומים דער אוניווערזיטעט, מאַכען דערביי כל'ערליי בעוואָרענישען, אַז דער גיבען דאָס געלד אויף אַזא און אַזא קאַטעדרע, פאַר דעם אָדער יענעם פאַך, און רעכענען זיך נישט מיט עמיצענס פּלענער, אַזוי ווי מיטן געשענקטען געלד מוז מען טון דאָס, וואָס דער שענקער האָט געהייסען, ווערען דעריבער א סך מאָל פּלענער נישט אויסגעפיהרט.

איצט מעג זיך יעדער לויט זיין געמיט און זיין כאַראַקטער אויסקלויבען וואָס ער וויל: אָדער האַלטען אַז ס'איז גאָר א סך און זיך פרעהען, אָדער זיפצען אַז ס'איז ווייניג. ביידע וועלען זיין גערעכט, אָבער ביידע וועלען דערביי מוזען מסכים זיין, אַז אויף א דרך איז מען פאָרט.

אַנדזשעי סטרוג אויף דער היינטיגער אַקאַדעמיע

צום 10-יעהריגען יובל פון העבּרעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים

די היגע געזעלשאַפט „פריינד פון העבּרעאישען אוניווערזיטעט" אָרדענט אײן היינט זונטאָג 12 מיטאָג אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" א פייערליכע אַקאַדעמיע געווידמעט דעם 10-יעהריגען יובילעאום פון העבּרעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים.

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען דער בעקאַנטער פוילישער ליטעראַט אַנדזשעי סטרוג, דיר. בראַנדשטעטער, ד"ר י. פרענקעל, אַדוו. ז. שטרויך און אַנדערע.

אין מוזיקאַלישען טייל פון דער אַקאַדעמיע בעטייליגען זיך דער בעקאַנטער פּיאַניסט אַרטור באַלזאַם, פּאָפּולערער זינגער ל. ראַזאַנצעוו און כאָר פון יודישען פרויען-גימנאַזיום אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. י. פּיוּוישים.

דאָס לעבען אין ארץ-ישראל

לעצטע ידיעות פון דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענטור

קאַמף פאַר יודישער אַרבייט

ירושלים (יט"א) נאָך לענגערע פערהאַנדלונגען האָט דער אַרבייטער-ראַט אין פּתח-תקוה געשלאָסען אַן'אָפּמאַך מיט די אָרטיגע אָפּטיילונגען פון „הפועל המזרחי" און די „פּועלי אגודת ישראל" וועגען אַן'איינהייטליכער אַקציע פאַר דער פערטיידיגונג פון דער יודישער אַרבייט. די אַקציע פון דער געמיינזאַמער אַרבייטער-דעלעגאַציע אין כפר גנים האָט געהאַט ערפאָלג און אָנשטאָט א צאָהל אַראַבּישע אַרבייטער האָבען געפונען בעשעפטיגונג יודישע אַרבייטער.

עכו (יט"א) אין עכו פיהלט זיך א שאַרפער מאַנגעל אין יודישע אַרבייטס-הענט. אין די נייע אונטערנעמונגען און פאַבריקען זענען דעריבער בעשעפטיגט נישט-יודישע אַרבייטער. בעזונדערס ענטוויקלען זיך אין עכו וואַרשטאַטען, וועלכע אַרבייטען אויס פענסטער און טירען פאַר די בנינים אין חיפה. בכלל איז עכו ענג פערקניפּט ווירטשאַפטליך מיט חיפה. לעצטענס האָבען זיך דאָ בעזעצט פיל נייע עולים פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, דאַנעגען האָבען פיל אַלטע יודישע איינוואוינער אויסגעוואַנדערט פון עכו קיין חיפה.

פּראָפ. פ. שניאורסאָן

ירושלים (יט"א) אין ארץ-ישראל ווייצט איצט דער בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און פּסיכאָלאָגישער פאָרשער פּראָפ. פישל שניאורסאָן, וועלכער וועט דאָ האַלטען א רייה רעפעראַטען וועגען פּראָבּלעמען פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע.

עכו'ער תפיסה זאָל ליקווידירט ווערען

ירושלים (יט"א) „פּעלעסטין" טיילט מיט, אַז די אַ"י-רעגירונג וועט אין קורצען צוטרעטען צו בויען א נייעם תפיסה-בנין נישט ווייט פון דאָרף אַרטאַך. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, האָבען זיך פער שפּרייט קלאַנגען, אַז די אַלטע תפיסה אין עכו זאָל ליקווידירט ווערען.

קאַמף געגען מאַלאַריע אין חדרה

ירושלים (יט"א) אַ דאַנק דער ענערגישער אַקציע פון דער לייטונג פון חדרה ווערען די אויסטריקענונגס-אַרבייטען אַרום דער קאָלאָניע געפיהרט אין שנעלען טעמפּאָ און עס איז צו האָפען, אַז דאָס יאָהר וועט געלונגען צו פערהיטען די קאָלאָניע פון אויסברוך פון דער מאַלאַריע-עפּידעמיע.

פון ווירטשאַפטליכען לעבען

ירושלים (יט"א) די רעוויזיאָנס-קאָמיסיע פון פערבּאַנד פון די יודישע פערבּרויכס-קאָאָפּעראַטיוון אין ארץ-ישראל האָט בעשטעטיגט דעם בילאַנס פון די קאָאָפּעראַטיוון פאַר'ן יאָהר 1934. פון דעם בילאַנס איז צו זעהן, אַז דער אומזאַץ פון די פערבּרויכס-קאָאָפּעראַטיוון האָט אין יאָהר 1934 בעטראָפען 172.000 פונט לגבי 93.600 פונט אין יאָהר 1933.

דער גרונד-קאַפּיטאַל פון די קאָאָפּעראַטיוון איז געשטיגען פון 6000 פונט אין יאָהר 1933 ביז 13.000 פונט אין יאָהר 1934.

יפו (יט"א) דער יפו'ער שטאָט-ראַט האָט אָנגענומען א בעשלוס, לויט וועלכען עס איז פון איצט אָן פערבאָטען צו העכערן דאָס דירה-געלד פון פריוואַטע וואוינונגען אין יפו. דער פערבּאָט איז נישט נוגע געשעפטס-לאָקאַלען.

ירושלים (יט"א) לויט'ן וואונש פון פיל אונגאַרישע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס וועט דער אונגאַרישער האַנדעלס-מיניסטער בעשטימען אין קורצען אַן'אונגאַרישען עהרען-קאָנסול אין תל-אביב צום אינטערנאַציאָנאַלען יריד אין בודאַפּעשט אין מאַי ה. י. איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען א דעלעגאַציע פון ארץ ישראל.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07
ספּעציאַל-אַרצט פאַר מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.
זונטאָג פון 9–1 פאַרמיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—לעמ שניצע-פרייזען

טראַנספּאָרטען קיין פּאַלעסטינאַ ערלעדיגט אַמשנעלסטען דירעקט
Przedborski, Kolner i S-ka Łódź, Sienkiewicza 6
tel. 247-75
מיר ערטיילען אומזיסט אַלערליי אינפאָרמאַציעס.

די אבלאוועס אין פאריז

(א בריף פון פאריז)

פון לעאניד שווארץ

אין די פאריזער צייטונגען איז איצטער איינגעפיהרט געווארן א שפאגעל-נייע אפטיילונג, וואס הייסט „אבלאוועס".

די דאזיגע נייע סענסאציע - אפטיילונג ווערט געדרוקט נישט אין דער לאקאלער כראניק, נאר אויף דער ערשטער זייט און מיט פעטער שריפט, ווי ס'וואלט זיך ווירקליך געהאנדעלט וועגען א גאר וויכטיגער געשעהעניש.

אייגענטליך זענען אבלאוועס אין פאריז פון שטענדיג אן א גאנץ אפטע דערשיינונג. עס נעס-טיגען זיך אין פאריז גענוג פערברעכערישע עלע-מענטען סיי פון דער אונטערוועלט און סיי פון פון דער „אויבערוועלט".

אבער היינטיגעס מאל רעדט זיך וועגען אב-לאוועס אויף „אויסלענדער" און „פראסטיטוטקעס" — גראד אויף אזעלכע גאנץ לעגאלע און שטענ-דיג געוואונשענע עלעמענטען, פון וועלכע האלב פאריז ציהט, געוועהנליך, זיין חיונה.

איין קלייניגקייט: „אויסלענדער און פראס-טיטוטקעס"! אהן זיי וואלט דאך פאריז קיינמאל נישט דערהויבען געווארן צו א וועלט-שטאט מיט א וועלט-רוהם! אהן די אויסלענדער און אהן די פראסטיטוטקעס וואלט דאך די ליבע - אינדו-סטריע אין פאריז נישט געהאט קיין שום האפט און ס'וואלטען געשלאסען געווארן איבער 90 פראצ. פון די אלע האטעלען, קאבארעטען, טאנץ-און נאכט-לאקאלען. פאריז וואלט דענסטמאל גע-ווארן נישט מעהר ווי א גרויסער דארף מיט א סך היסטארישע דענקמעלער און קברים.

בין איך טאקע געווארען זייער נייגעריג א קוק צו טון, ווער אנ'ערך זענען דאס יענע „אויס-לענדער" און „פראסטיטוטקעס", אויף וועלכע מען האט פלוצים אנגעהויבען מאכען אבלאוועס? בפרט נאך, ווען אין פאריז איז גארנישט אזוי לייכט צו אונטערשיידען צווישען אנ'אויסלענדער און אנ'-עכטען פראנצויז, ווער רעדט נאך — צווישען א גאסען-פרוי און אנ'עכטער צנועה.

ווי זשע אבער קען מען זיי זעהען, די דאזיגע צוויי נייע מינים „פערברעכער", וויבאלד ווי נאר אוועגד-פערשטעקען זיי זיך אין אלע לעכער און ווייזען זיך נישט דרויסען, ביז ס'קומט נישט אן קיין נייער טאג מיט נייע זארגען און דאגות, ווי אזוי מען קען די קומענדיגע נאכט ווידער אמאל ערגעץ וואו בעהאלטען זיך?

האט מיר איינער א מיטארבייטער פון א יו-דישען הילפס-קאמיטעט געזאגט, אז כ'קען זעהען די דאזיגע „אויסלענדער" און „פראסטיטוטקעס" אין די יודישע און נישט-יודישע הילפס - קאמי-טעטען.

בין איך אוועק אין איינעם פון די מעהרערע יודישע הילפס-קאמיטעטען און כ'האב דארטען דער-זעהען ביי הונדערט פערהעצטע און פערפינסטער-טע יודישע מענשען, וואס זענען געקומען זוכען שוץ און טרייסט ביי די „קאמיטעטשיקעס".

שוין פון די פנים'ער זייערע אליין האט מען באלד געקענט אויסלייענען, אז יעדער איינער פון זיי איז א קנופ פון שווערע און לאנגדויערנ-דיגע איבערלעבונגען. נישט די מענער זענען גע-חען עהנליך אויף „אויסלענדער" לויט די פאריזער בעגריפען) און נישט די פרויען — אויף „פראסטיטוטקעס"...

אבער אויף אט די דאזיגע אומגליקליכע נפ-שות ווערען דאס איצטער געמאכט אבלאוועס אין פאריז און וועגען אט די דאזיגע דערציילט דאס די פאריזער פרעסע מיט פעטער שריפט, אז „ביי די נעכטיגע אבלאוועס אין די און די אראנדיס-מאנגען (בעצירקען) זענען פערהאלטען געווארען אזוי פיל און אזוי פיל אויסלענדער און „פראס-טיטוטקעס".

ווילען מיר א קוק טון, כאטש אויף אייניגע פון זיי.

אט שטייט פאר אונז א יוד א זקן, וואס לעבט שוין אין פראנקרייך ביז 35 יאהר. זיינע זיהן און אייניקלעך, וואס זענען געבוירען געווארען אין פאריז, זענען, פערשטייט זיך, פראנצוי-זישע בירגער. ער אליין, דער זקן, איז שוין אויף אזוי פיל א „פראנצויז", אז ער האט גאר פערגע-סען וועגען בענייען ווען עס איז זיין וואוינרעכט. — האט מען זיך איצטער געכאפט, אז זיין „פאס" איז אפגעלאפען נאך מיט א יאהר 30 צוריק, שיקט מען איהם ארויס אין זיין „היים-לאנד", ד. ה. קיין פוילען, כאטש זיין, אומשטיינס-געזאגט „פאס" שטאמט נאך פון אלעקסאנדער דעם דריי-טענס צייטען....

אט שטייט פאר אונז „א געזונד זאלבעאכט". טאטע-מאמע זעהען אויס צו זיין א רב מיט א רביצין פון א ליטוויש קליין-שטעטעל. אין דער אמת'ן אבער איז ער — א זייגערמאכער און זי — א גרויסע קינדלערין אהן עין הרע. אלע זיי-ערע פינף קינדער שטייען נעבען זיי. דאס זעק-סטע קינד איז נאך ביי דער יודענע אונטערן פארטעך... זיי אלע ווערען ארויסגעשיקט פון פראנקרייך, ווייל דער זייגערמאכער האט פער-געסען צו פערלענגערען זיין וואוינרעכט. די פיר יונגערע קינדער, וואס זענען געבוירען געווארען אין פאריז — קענען פערבלייבען אין פראנקרייך, ווייל זיי זענען דאך פראנצויזישע בירגער. אבער טאטע-מאמע און דער בכור זייערער מוזען זיך אומקעהרען קיין פוילען, ווייל ביי דער איצטי-גער ארבייטסלאזיגקייט אין פראנקרייך (ביי 400 טויזענד ארבייטסלאזע עטליכע אויף פערציג מיליאן איינוואוינער פון פראנקרייך) — זענען דער זייגערמאכער מיט זיין קינדעלדיגער ווייב געווארען פלוצים „לעסטיגע אויסלענדער"...

אט שטייט פאר אונז א יודישער פליט פון דייטשלאנד. אין בערלין איז ער שוין שיער נישט געווארען א פראפעסאר, אבער דא אין פאריז איז ער שוין געווארען א האלבער שנארער. ער פלעגט מאכען איבערזעצונגען אויף 6 שפראכען, ער פלעגט געבען לעקציעס, ער פלעגט ארומ-לויפען גאנצע טעג איבער די פערשידענע הילפס-קאמיטעטען נאך ארבייט, ביז עמיצער האט איהם פער'מסרט, אז ער „ארבייט" אהן אנ'ארבייטס-דערלויבעניש און מען האט איהם בעפוילען אין משך פון צוויי מעת-לעת צו פערלאזען פראנקרייך.

און אט שטייען פאר אונז א פאר יודישע „פראסטיטוטקעס":

איינע פון זיי האט א צוויי-יעהריג קינד אויף די הענד. דאס קינד איז א בראזיליאנער בירגער, ווייל עס איז געבוירען געווארען אין בראזיליע. דער טאטע פון דעם קינד, ד. ה. דער מאן פון דער אומגליקליכער יודישער פרוי, האט זיך ארויס-געשטעלט פאר אנ'אויסוואורף און די יונגע פרוי איז מיט איהר יונגעלע אנטלאפען פון איהר בראזיל-יאנישען מאן צוריק קיין פוילען, צוריק צו די קבצנישע עלטערען איהרע, אבער אויפ'ן וועג „אהיים" האט זי זיך אפגעשטעלט אין פאריז ביי איהרער א קרובה א ביסעל איבערכאפען דעם אטעם און זיך ארומקוקען, וואו זי איז אין דער וועלט.

די קרובה האט זי צוגערעדט צו פערבלייבען אין פאריז און העלפען איהר אין דער שניידעריי, פון וואס זי וועט קענען מאכען א שטיקעל לעבען.

האט מען זי אבער ביי איינער אנ'אבלאווע גע-פאקט אין איהר האטעל און אזוי, ווי זי האט נישט געקענט אנווייזען פון וואס זי לעבט, ווייל ווען זי דערציילט דעם אמת, אז זי ארבייט אומ-לעגאל ביי איהרער א קרובה — וואלט מען דאך די קרובה איהרע אויך תיכף ארויסגעשיקט — איז קלאר, אז זי איז א פראסטיטוטקע, בפרט נאך, אז זי קומט פון בראזיליע.

מען האט איהר געגעבען דריי מעת-לעת אויף צו ליקווידירען פאריז, אבער וואו נעמט מען אויף רייזע-הוצאות?

די צווייטע „פראסטיטוטקע" איז אויך א כשר'ע יודישע טאכטער. זי האט יאהרענלאנג גע-האט געדינט אין בערלין ווי א קעכין ביי איינער א יודישער פאמיליע, וואס האט לויפענדיג פון דעם היטלער-גיהנום קיין פאריז פערכאפט מיט זיך אויך די קעכין איהרע. זי איז פעראורטיילט געווארען צו פערלאזען דאס לאנד אין משך פון עטליכע טעג.

אט דאס זענען נאר איינצעלנע עקזעמפליארען פון די טויזענטער און טויזענטער אזויגערופענע „אויסלענדער און פראסטיטוטקעס" אין פאריז און אין גאנץ פראנקרייך, וועלכע לויפען ארום איצ-טער ווי פערהעצטע חיות פון איין הילפס-קאמי-טעט צום צווייטען, זוכענדיג שוץ און טרייסט.

די יודישע הילפס-קאמיטעטען (אין דיינטי-גען ארטיקעל רעד איך נאר פון די יודישע עמיג-ראנטען, וואס זענען לעגאל אדער אומלעגאל גע-ווען אריינגעקומען קיין פראנקרייך פון די פער-שידענע מזרח-אייראפעאישע לענדער, ווי אויך פונ'ם היטלער-דייטשלאנד), די יודישע הילפס - קאמיטעטען, אלזא, זענען ביי די דאזיגע מאסען-ארויסשיקונגען אליין אומבעהאלפען, ווייל בטבע זענען דאך די הויפט-טוער פון די מעהרערע יודישע הילפס-קאמיטעטען שוין אליין גאנצע אדער האלבע „פראנצויזען" און ט'פעהלט זיי אפטמאל אויס גענוג מוט און איניציאטיווע זיך איינצושטעלען פאר די געיאגטע און געפלאגטע יודישע עמיג-ראנטען, וואס אין דעם גרעסטען טייל זייערען זענען זיי פיל היימלאזער און היימאטלאזער, ווי די נישט-יודישע (זאגען מיר — פאליאקען, אי-טאליענער. בעלגיער און אנד).

די יודישע הילפס-קאמיטעטען קאנען אפשריי-ען אויף א געוויסער צייט די ארויסשיקונג נאר פון יענע עלעמענטען, וועלכע האבען א מעגליכ-קייט צו אויסוואנדערען פון פראנקרייך אין אנ-דערע מעבר-לים-מדינות, ווי דרום-אמעריקא, פא-לעסטינא אדער דרום-אפריקא. די אלע אנדערע מוזען טאקע זיך אומקעהרען צו זייערע אלטע, אימשטיינס געזאגט, „היימען", אויב זיי פערמא-גען נאך אזעלכע, אדער אנקומען צו די פערשי-דענע מינים „מאכערס", אויב זיי פערמאגען נאך עטליכע אפגעשפארטע פראנק...

וואס איז נוגע די נישט-יודישע עמיגראנטען, ריכטיגער געזאגט — ארבייטער, וועלכע די פראנ צויזישע רעגירונג האט באלד נאך דער וועלט-מלחמה אזוי גאסטפריינדליך געהאט איינגעלאדען, כדי צו קענען פערגלעטען ווי עס איז די גרויסע חורבנות פון דער וועלט-מלחמה — ווערען די דאזיגע מאסענווייז ארויסגעשיקט, נישט געקוקט אויף דעם, וואס מעהרערע פון זיי האבען אלע זייערע כוחות אפגעשענקט פאר גראשענס דעם ווידעראויפבוי פון דער פראנצויזישער לאנדווירט-שאפט און פון דער פראנצויזישער שווער-אינדו-סטריע.

דער נאאיווער פראנצויזישער המון איז זי-כער, אז ווי נאר פראנקרייך וועט זיך בעפרייען פון די אויסלענדישע ארבייטער — וועט תיכף פערשווינדען די ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד.

פאכטן וועגן בעריהמטע מלחמות

נאפאלעאן האט פערלוירען דרייפערטעל פון זיין ארמעע דורך עפידעמישע קראנקהייטען

עסטרייך האט פערלוירען 30 טויזענד סאלדאטען אהן א שאס פולווער

פון ל. סאלאוו

פאראזיטיזם — דאס לעבען פון איין חיה אויפן חשבון פון אנ'אנדערער — דאס איז פעראנטווארט-ליך פאר אן א שיער קראנקהייטן. אבער דאס איז צום אומגליק דאס נארמאלע געזעץ אויף אונזער ערד. עס נעהמט זיך פון דער נויטיגקייט צו עסען און צו לעבען. אין דער מענשליכער געזעלשאפט איז דא א גאנץ אייגענע פארם פון פאראזיטיזם. מענשען לע-בען אויפן חשבון פון מענשען. דאס ווערט נישט גע טון אזוי גראב און ברוטאל, ווי עס טוט דער לייב. אבער דער פאראזיטיזם איז פונדעסטוועגען גאנץ שטארק און קיינמאל איז ער ניט געווען אזוי שטארק ווי אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, אלע סאציא לע בעוועגונגען אלע געשרייען און פאדערונגען נאך יושר קומען אין לעצטען סך הכל פון דעם פערלאנג אפצושאפען דעם דאזיגען פאראזיטיזם, ער קען און וועט אפגעשאפט ווערען, — אויף וויפיל דער מענש וועט ווערען קליגער, אויפגעקלערטער, פערשטעהן, וואס עס קומט פאר ארום איהם, בענעהמען ריכטיג זיינע אינטערעסען און זיך אויסלערנען ווי צו בע-נוצען זיין מח און כוח.

דער ריין מענשליכער פאראזיטיזם איז נאך א סך געמיינער און גרויזאמער ווייל צווישען אלע לעבע דיגע נפשות עסט דער מענש זיך אליין — אין דער דערמאהנטער אומדירעקטער און קונציגער פארם — א זעלטענע דערשיינונג צווישען חיות. עס קומט פאר אמאל צווישען אנדערע בעלי-חיים אויך, אבער דאס איז אויסנאהמפאלען אין צייטען פון גרויס נויט ווען עס איז שוין נישטא וואס אנדערש צו עסען. אין אזא ארגאניזירטער פארם ווי דער פאראזיטיזם צווישען מענשען איצט, איז עס אוודאי אומבעקאנט צווישען וועלכע עס איז אנדערע לעבעדיגע נפשות.

די מעהרסטע קראנקהייטען פון דעם מענש שטאמט פון דעם פאראזיטיזם, וואס פערשידענע חיות פראקטיצירען אויף און איבער איהם, פערשי-דענע אינסעקטען, דאן אהן א שיער פיטשעמאנטשי-גע, מיקראסקאפישע ארגאניזמען, ווי אויך גרעסערע א שטייגער מייז און ראצען, לעבען אויף אדער ארום דעם מענש, די דאזיגע פאראזיטען מאכען דעם מענש אדער דירעקט קראנק, אדער זיי שטעקען איהם אן מיט קראנקהייטען, דאס הייסט. זיי טראגען אויף איהם אריבער זייערע אייגענע פאראזיטען.

אהן די איבערטראגערס וואלטען קיין עפידע-מיעס נישט געווען. מיט אנדערע ווערטער: א גע וויסע קראנקהייט וואס האט, אטאקירט א מענש וואלט פערבליבען ביי איהם אליין. און אדער זי וואלט איהם אומגעבראכט. אדער ער וואלט זי גובר געווען. די איבערטראגערס שלעפען אבער די קראנק הייט ווייטער. זיי נעהען פון מענש צו מענש. פון גרופע צו גרופע, ביז גאנצע שטעט און דערפער, גאנצע לענדער און פעלקער ווערען אנגעשטעקט, פאלען אוועק און שטארבען אוים אין שרעקליכע צאהלען.

אט זענען עטליכע פאקטען פון דעם חורבן וואס עפידעמיעס טוען אן דעם מענש:

אין דער צייט פון דער אזוי גערופענער שווארצען פעסט, וואס האט אויסגעבראכען אין אייראפע אין דעם 14טען יאהרהונדערט זענען אויסגעשטארבען מיליאנען און מיליאנען — א גאנץ פערטעל פון דער אייראפעאישער בעפעלקערונג, פאקען האבען אין משך פון א פאר יאהרהונדערט אויסגעקוילעט אנדערע מיליאנען, מאזלען וואס ווערען אין אונזער צייט בעטראכט פאר א לייכטער קראנקהייט, קא-נען אויך זיין א גרויס געפאהר, אין די פידזשי אינז לען, האבען אין 1875 מאזלען אויסגעקוילעט 40000 מענשען אין א בעפעלקערונג פון 150 טויזענט. סי-פילים איז אין דעם 16טען יאהרהונדערט געווען א שוידערליכע פעסט, אז עס האט זיך אויסגעוויזען — גאנץ אייראפע וועט אומקומען פון דער קראנקהייט, דיפטעריע האט אטאקירט דער עיקר קינדער, אבער אויך דערוואקסענע זענען אפט געווען קרבנות פון דער דאזיגער אנשטעקענדיגער קראנקהייט, וואס זי צו קאנטראלירען האט מען זיך אויסגעלערנט נאר אין די לעצטע יאהרען. דאס אייגענע מיט שארלאך און מיט א סך אנדערע „פיבערען".

בעזונדערס זענען עפידעמיעס ווילד און מער-דעריש אין דער צייט פון מלחמות און נאך די מל-חמות. דער אויטאר פון דעם בוך ברענגט אהן א שיער פאקטען, וואס קאנען ארויפפיהרען אויפן גע-דאנק, אז נישט אזוי די גענעראלען און סטראטעגען געווינען אדער פערלירען א מלחמה, נאר די קליינע באצילען, וואס זענען די אורזאכען פון קראנקהיי-טען און עפידעמיעס.

אט זענען עטליכע ציפערען, וואס בעווייזען די ראלע פון אנשטעקענדיגע קראנקהייטען אין דער צייט פון קריג:

1632 האט דער שוועדישער קעניג גוסטאוו אדאלף געפיהרט מלחמה קעגען דייטשען גענעראל וואלענשטיין. די מלחמה איז געפיהרט געווארען נע-בען נירענבערג. אנ'עפידעמיע האט אויסגעבראכען וואס האט דערהרגעט 18 טויזענט סאלדאטען, און ביידע ארמעען געצוואונגען אויפצוגעבען דעם קאמף.

אין 1741 האט די עסטרייכישע ארמעע אפגעגע בען פראג צו די פראנצויזען ווייל 30.000 עסטרייכי שע סאלדאטען זענען אין א קורצער צייט אומגע-קומען צוליב קראנקהייט.

דער זיג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע האט אין א גרויסער מאס געהאט צו פערדאנקען דער ע-פידעמיע, וואס האט אויסגעבראכן אין דער פרייסי-שער ארמעי, און וואס האט אוועקגעלייגט 42,000 זעלנער.

דער גרעסטער מיליטערישער מענש פון אונזער צייט, נאפאלעאן, האט זיך אויך נישט געקאנט גע-בען קיין עצה מיט קראנקהייטען. נישט בלויז די סטראטעגיע פון די רוסישע גענעראלען און אפילו נישט דער שווערער רוסישער ווינטער האבען גע-מאכט א תל פון נאפאלעאנס אמביציעס און נצחו-נות, קראנקהייטען האבען אויפגעטון מעהר, ווי אלע אנדערע שונאים צו פערוואנדלען נאפאלעאנס מארש אויף מאסקווע אין א שרעקליכער מפלה.

אנגעהויבען דעם מארש האט נאפאלעאן מיט א האלבען מיליאן מענשען. ביי דעם צוריקטריט פון מאסקווע זענען בלויז געבליבען אין זיין ארמעע 80 טויזענט סאלדאטען. דער גרעסטער טייל פון דעם פראנצויזישען חייל איז אומגעקומען פון עפידע-מיעס. ווען ער האט דערגרייכט ווילנע זענען גע-בליבען בלויז 20.000 מאן. ארויסגעראטעוועט האט ער זיך ענדליך בלויז מיט געצעהלטע טויזענטער. דאס אלץ האט אויפגעטון גענעראל קראנקהייט.

* * *

די הויפט-קראנקהייט וואס האט געמאכט א תל פון מיליאנען און מיליאנען מענשען אין אייראפע, פון ארום דעם 16טען יאהרהונדערט, און וואס איז פו דאן אן געווען די שטענדיגע בעגלייטערין, פון מלחמות און ארמעען איז געווען טיפוס. טיפוס אי-ליין איז פעראנטווארטליך פאר אהן א שיער אומ-געבראכטע מענשליכע לעבענס איבער דער גאנצער וועלט, ביז גאר דער מאדערנער צייט, האט מען נישט געוואוסט, ווי זי קומט, און פון וואנען זי קומט. די עפידעמיע פלעגט אויסברעכען דא אין איין ארט דא אן אנ'אנדערען ארט, פון דער וועלט, אפטמאן גרויסע חורבנות. דאן שוואכער ווערען און כמעט פערשווינדען, כדי ווידער אויסצוברעכען מיט שרעק ליכער ווילדקייט א פאר יאהר שפעטער. איינגאנצען האט דער טיפוס קיינמאל נישט אויפגעהערט אויף א געוויסער ארט, ביז אופן היינטיגען טאג איז די קראנקהייט דא. דאך זי איז שוין אין א גרויסער מאס אונטער קאנטראלע. אין דער צייט פון דעם וועלט-קריג האט טיפוס היבש געבליהט, צום מעהרסטען האט זי געבושעוועט דארט, וואו די אלגעמיינע צו-שטאנדען זענען געווען גינסטיג פאר דער פערשפריי-טונג פון דער קראנקהייט. וואו עס איז נישט געווען גענוג בילדונג, גענוג וויסען, גענוג קולטור צווישען די אנפיהרער — אין סערביע, אין איטאליע, אין רוס לאנד, רומעניע, און טערקיי און אזוי ווייטער.

אויף דעם וועסטליכען פראנט איז טיפוס געווען א סך, א סך זעלטענער, פארוואס? ווייל מען האט דארט בעסער געוואוסט פונוואנען די קרענק קומט און ווי מען קאן זי האלטען אונטער קאנטראלע.

איז פונוואנען קומט טיפוס — אט דער געפעהר-ליכער שונא פון דער מענשהייט, דער מערדער פון ארמעען, דער מלאך המות פון מיליאנען פרידליכע פרויען, קינדער און אלטע לייט?

טיפוס קומט פון דעם טיפוס-ווירוס, דאס הייסט פון א באציל, וואס בעזעצט זיך אין דעם מענשלי-כען ארגאניזם, פערמעהרט זיך דארט מיט א געוואל טיגער שנעלקייט, ביז דער מענש פאלט אוועק.

אבער פונוואנען נעהמט זיך די טיפוס-עפידע-מיע. די פערשפרייטונג פון דער קראנקהייט? ווי מיר ווייסען שוין, מוזען זיין איבערטראגערס פון דער קראנקהייט, אנדערע חיות, וואס פערשלעפען דעם טיפוס-ווירוס, פון איין מענש אויף דעם אנדערען. טא ווער זענען דא די טייערע פערמיטלער, די ליבע שדכנים?

נאך יאהרען און יאהרען פארשונגען איז פעסט-געשטעלט געווארען אז די דירעקטע איבערטראגערין פון טיפוס איז די לויז. פריהער ווערט זי אליין אנגע שטעקט פון טיפוס. דערנאך אין דער צייט וואס זי שפייזט זיך אויף דעם מענשענס בלוט, ברענגט זי אריין דעם באציל אין דעם מענשען'ס ארגאניזם. דערנאך שפאצירט די לויז פון איין מענש צום צוויי-טען, און ווייטער פערשטעהט מען שוין.

איז פון דעם אליין קלאר, אז די ערשטע זאך דארף מען פטור ווערען פון לייז, א קאמף געגען זיי, מיינט א קאמף געגען טיפוס און טויט. פערשטעהען מיר איצט שוין צוויי זא-כען; פארוואס אין דער צייט פון מלחמות זענען טיפוס-עפידעמיעס אזא אפטע ערשיינונג, די סאלדא טען וואס לעבען אין טרענטשעס, גריבער, שמוציגע ביידלעך אן הייזער, ווערען פערלייזט די לייז זיי-צען נישט אויף איין ארט, נאר קריכען און שלע פען מיט זיך דעם טיפוס. פון די סאלדאטען ווערט די קרענק געפיהרט ווייטער. — צו דער ציוויל'ער בעפעלקערונג, און, — די עפידעמיע איז פיקס-און-פארטיג.

פאראיינס פערשטעהען מיר שוין אויך, פאר-וואס אויף דעם וועסטליכען פראנט איז דער טיפוס

(ווייטער זעה 11-טע זייט)

רעכט און לעבן

יורידישע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

באטיצע

עקזעקוציעס פון געלד-שטראפן

דער ערשטער פרינציפ פון דער מאדערנער שטראף – פאליטיק איז, אז יעדער בירגער דארף טראגען פעראנטווארטליכקייט בלויז פאר זיינע אייגענע מעשים, דער זעלבער כלל גילט אויך די געגענזייטיגע פריוואטע און אפילו עפענטליכע התחייבות'ן.

און ווירקליך: פונקט אזוי ווי מ'קאן נישט בעשטראפען איינעם פאר'ן צווייטענס בעגאנגענע חטאים, אזוי קאן מען דעסגלייכען אויך נישט אויפמאהנען ביי איינעם א חוב, וואס א צווייטער איז שולדיג.

אויף דער דאזיגער בעשטימונג באזירט זיך טאקע די אינסטרוקציע, וועלכע איז ערשט פור-נאנדערגעשיקט געווארען צו אלע קאמארניקעס, אז זיי זאלען נישט לייגען קיין סעקוועסטער ביי א בעל-חוב אויף חפצים, וועלכע געהערען צו אן'אנדערען אייגענטימער.

די דערמאנטע אינסטרוקציע איז אויסען צו שיצען פרעמדע חפצים פון אן'עקזעקוציע און איינצושפארען דעם אייגענטימער צייט, מיה און געלד בכדי צו פערפיהרען שווערע עלימיניר – פראצעסען.

און דא מוז טאקע פעסטגעשטעלט ווערען, אז ביי עקזעקוציעס פון פריוואטע חובות פאסען זיך צו די קאמארניקעס צו די בעקומענע אנווייזונגען.

גאנץ אנדערש שטעלט זיך אבער די זאך פאר, ווען ס'האנדעלט זיך וועגען אויפמאנען אן'עפענטליכען חוב און בפרט א געלד-שטראף.

דאן פערגעסען די קאמארניקעס אין אייגענטליכען זין פון דער ציטירטער אינסטרוקציע און זיי ווענדען די עקזעקוציעס צו אלע חפצים, וועלכע געפינען זיך אין שטוב, וואו ס'וואוינט דער שולדיגער אדער, ווילענדיג שוין גאר זיין פארמעל אין ארדנונג מיט דער דערהאלטענער אינסטרוקציע לעגקען זיי די עקזעקוציע בלויז צו די פערהאנענע אין שטוב מלבושים.

קומט טאקע גאנץ אפט אויס, אז פאר'ן זונדינ'ס חוב ווערט סעקוועסטרירט דעם פאטערס פאלטען אדער פאר'ן סובלאקאטארס שולד ווערט צוגענומען דעם לאקאטארס אנצוג. ס'העלפען אין אזעלכע פאלען נישט קיין שום פערזיכערונגען און טענות, די קאמארניקעס, ווילענדיג ארויסווייזען פאר דער מאכט זייערע פעהיגקייטען, פיהרען דורך די אנפערטרויטע עקזעקוציעס מיט דער גאנצער שטרענגקייט און ענטשלאסענקייט.

בלייבט דאן איבער פאר די בעוולהטע אייגענטימער צו פערפיהרען עלימיניר – פראצעסען, אזעלכע אקציעס זענען אבער פערבינדען מיט גרויסע קאסטען, וואס נישט יעדער איז ביכולת צו לייגען און אגב ענדיגען זיי זיך זעלטען לטובת די פערפיהרער. רעזיגנירען באין ברירה דערפון די בעוולהטע.

שאפט זיך ממילא אזא לאגע, אז איינער פערשולדיגט זיך און ווערט פערמשפט און בעשטראפט ווערט גאר אן'אנדערער, אן'אומשול – דיגער. די גערעכטיגקייט ווערט אלזא נישט בעפרידיגט, נאר נאכמהער פערגוואלדיגט. דאס איז זיכער נישט געווען די אינטענץ פון אינסטרוקציע געבער. י. א—ד

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

פרובע-צייט

אויב מ'נעמט צו אנ'ארבייטער אדער אנ'אנגע שטעלטען אויף פרובע, מעג מען איהם אפילו שפעטער אויפ'ן אייגענטליכען פאסטען נישט אנגאזשירען מוז מען איהם בעצאהלען פאר דער אפגעארבייטער פרובע-צייט.

וויבאלד אנ'ארבייטער האט דורכגעמאכט א פרובע-צייט ביי אנ'ארבייט און דער אונטערנעמער ניילט איהם שפעטער צו צו אנ'אנדערער ארבייט, דארף ער שוין קיין פרישע פרובע-צייט נישט דורכמאכען.

בכלל דארף מען געדענקען, אז קוים בלייבט איבער אנ'ארבייטער ארבייטען אפילו 1 טאג נאך דער פרובע-צייט, הייסט עס, אז ס'איז מיט איהם געשלאסען געווארען אנ'ארבייטס-אבמאך אויף אנ' אונבעשטימטען טערמין.

עקסמיסיע לגבי סובלאקאטארען

פרינציפיעל מוז א סובלאקאטאר מיטגעקלאגט ווערען, אז נישט איז דער עקסמיסיע – אורטייל געגען א לאקאטאר אויפ'ן סובלאקאטאר נישט חל.

דער דאזיגער כלל האט אבער נישט קיין אנווענדונג לגבי סובלאקאטארען, וועלכע האבען זיך אריינגעצויגען צו די לאקאטארען שוין נאכ'ן עקסמיסיע – אורטייל.

ליכווע

ליכווע הייסט בארגען געלד אויף הויכע צינזען. די האנדלונג בעשטייט פון 3 מאמענטען: פון אייגענטליכען בארגען געלד, אויסרעדענדיג צו בעקומען דערפאר הויכע צינזען, פון פאקטיש בעקומען הויכע צינזען און פון געריכטליך פרובען אויפצומאהנען פון בעל-חוב אזעלכע צינזען.

הגם יעדער פון די דריי אויסגערעכנטע מאמענטען גיט א גרונד צוצוציהען דעם בארגער צו פעראנטווארטליכקייט פאר ליכווע, פונדעסטוועגען פאר א קוואליפיצירט פערברעך קאן מען אנערקענען אזא האנדלונג נאר דאן, ווען אט די אלע דריי דערמאנטע מאמענטען טרעפען זיך גלייכ צייטיג.

הכנסה-שטייער

אלע עפענטליכע צוואנג-אפצאהלונגען דארפען ווערען ארויפגעצויגען פון דער אלגעמיינער הכנסה.

אינדוסטרי-שטייער

מ'טאר נישט קוועסטיאנירען אנ'אויפקויף – פאטענט בלויז אויף דעם גרונד, ווייל דער אייגענטימער האט זיך בענוצט ביים אויפקויפען מיט פערמיטלער.

אופאדלאשטש

א נישט ענדגילטיגער פסק-דין, לויט וועלכען ס'איז ערקלערט געווארען עמיצען אנ'אופאדלאשטש פערזעהען מיט אזוי גערופענעם ריגאר בערעכטיגט דעם סינדיק בלויז אפצוהיטען דעם געגעבענעם צושטאנד פון דער אונטערנעמונג און נישט אונטערצונעמען קיין שום בריי-טערע שריט בפרט צוזאמענצורופען א פערזאמלונג פון גלויביגע בכדי דורכצופיהרען א רעגולאציע.

א סעקוועסטער פון א הויז

א סעקוועסטער אויף א הויז קאן פאדערען, יעדער שותף, קרעדיטאר אדער יורש פון א שותף און אויך אלע אנדערע פעראינטערעסירטע פער-זאנען נישט בלויז אלס פערזיכערונג פון א פער-פירטע תביעה, נאר אויך אלס זעלבסטשטענדיגע אקציע.

נישט געוויסענהאפטע קאנקורענץ

בכדי ארויסצוטרעטען געגען א נישט געוויסענהאפטען קאנקורענט מיט א תביעה וועגען אנ'-ענטשעדיגונג, דארף מען נישט ערשט פערפיהרען קיין שטראף-פראצעס, נאר מ'קאן אויך אזא אק-ציע אונטערנעמען אויפ'ן ציוויל-פראצעדוראלען וועג.

ארויסטרעטענדיג אין ציווילען געריכט מיט אנ'אקציע וועגען אנ'ענטשעדיגונג געגען א נישט געוויסענהאפטע קאנקורענט, מעג מען גלייכצייטיג אויך פערלאנגען, אז די תביעה זאל געזיכערט ווערען.

קאנקורסען און רעגולאציעס לויט די נייע געזעצען

אנהייב פון רעגולאציע-פראצעדור

רעכט איינצוקומען אויף א רעגולאציע האבען די סוחרים, וועלכע פיהרען אנ'אונטערנעמונג מינדעסטענס 3 יאהר.

אויסגעשלאסען פון דער הנחה זענען די יעניגע סוחרים, וועלכע פיהרען נישט קיין האנדעלס-ביכער אדער קאנען נישט פארשטעלען קיין אנדערע חשבונות, האבען אין משך פון די לעצטע 5 יאהר שוין אמאל בעקומען א רעגולאציע, געהאט אנ'אופאדלאשטש אדער נישט אויסגעפיהרט די בעדינגונגען פון א רעגולאציע, וועלכע זיי האבען געהאט שוין אמאל געשלאסען.

דאס זענען די אביעקטיווע בעדינגונגען, וועלכע ווערען געפאדערט פון א פעטענט, וועלכער בעט, אז מ'זאל איהם ערלויבען אנצוהויבען רעגולאציע-פערהאנדלונגען.

די אביעקטיווע בעדינגונגען פערלאנגען, אז דער סוחר זאל זיך געפינען אין אנ'אויסנאהמליך שווערע לאגע, וועלכע האט איהם געצוואונגען, אומאפהענגיג פון זיין ווילען, אפצושטעלען די צאהלונגען.

בלויז אין פאל, ווען ס'הויבען אן רעגולאציע-פערהאנדלונגען אפענע אדער קאמאנדיט שותפות'ן, מעג יעדער פון די פערזענליכע מיט פעראנטווארטליכע שותפים פערלאנגען, אז די רעגולאציע זאל אויך ארומנעמען זיין פערמעגען אומאפהענגיג פון אומשטאנד, צי די לאגע ענטשפרעכט די אויסגערעכנטע בעדינגונגען.

אויף שטייערען און עפענטליכע אפצאהלונגען און אויף היפאטעקען, בעלאסטעטע פריהער, ווי א חודש פאר דער ערעפנונג פון דער רעגולאציע, איז די רעגולאציע נישט חל.

פראצעדור

וועגען א רעגולאציע דארף מען זיך ווענדען אין קרייז – געריכט (האנדעלס-אפטיילונג), וואו ס'געפינט זיך די אונטערנעהמונג פון בעל-חוב.

די אינטערווענץ פון אנ'אדוואקאט איז פער-פליכטענד ערשט פון דער 2-טער אינסטאנץ (אפע-לאציע).

איידער ס'ווערען געעפענט די פערהאנדלונ-גען, קאן דאס געריכט פעראָרדענען אנ'אויספאר-שונג, אויסהערען די מיינונג פון עקספערטען, האנדעלס – קאמער, אמטען און אינסטיטוציעס און אויך בעשטימען אנ'עפענטליכע זיצונג בכדי דורכצופיהרען די נויטיגע בעווייזען און עווענ-טועל אויך אויסצוהערען די ארויסגערופענע קרע-דיטארען.

פון מאמענט, ווען ס'זענען געעפענט געווא-רען די רעגולאציע – פערהאנדלונגען ביז צום פערענדיגען זיי קאן מען נישט ערקלערען דעם בעל-חוב קיין אופאדלאשטש.

די צייט, ווי לאנג ס'דארף דויערען די רע-גולאציע איז נישט בעשטימט הגם לויט די אלטע געזעצען האט אזא פראצעדור געדויערט 90 טעג.

טראמוואי-ביל־עטען

שווין צו בעקומען אין

Wagons-Lits Cook

לאדז, פיעטריקאווער 64.

ר. איזראעל

משומדים

סענסאצ. שפאנענדער ראמאן פון היינטיגען יודישען לעבען

(6

סטעפאן האט בעמערקט, אז אידאס עלטערען. די פשוטע יודען אריענטירען זיך נאך אלץ נישט וועגען וואס ער רעדט צו זיי און האט אנגעהויבען קלאהרער פאר זיי דעם ענין פארצושטעלען,

— איהר פערשטעהט מיך נישט, מיינע הער-שאפטען, האט סטעפאן געזאגט, אייער טאכטער אידא איז דורך עפיס א געהיימנישפולע באנדע אוועקגעפיהרט געווארען, די סיבה דערפון און דעם צוועק וואס די ,וועלכע האבען זי אוועקגע-פיהרט האבען דעריבער איז מיר נישט בעקאנט,

דעריבער בין איך געקומען צו אייך מעלדען וועגען דעם. קיינער ווייסט נאך ביז איצט נישט דערפון, איהר זענט דאך איהרע עלטערען און איהר דארפט דאך זיין פעראינטערעסירט אפצו-ראטעווען אייער טאכטער,

ערשט איצט האט נחום ראזען זיך אנגע-הויבען צו אריענטירען וואס דער-גוי רעדט, גאל-דע האט נאך אלץ נישט פערשטאנען, זי האט נאר געוואוסט, אז דער פרעמדער רעדט וועגען איהר טאכטער, יהודית, אז מ'זאל זי ראטעווען און דאס איז געווען גענוג פאר איהר צו וויינען און בעטען איהר מאן, אז ער זאל דעם פרעמדען אויסהערען

— איך בין דער, האט סטעפאן ווייטער גע-זאגט, אין וועלכען אייער טאכטער האט זיך פער-ליבט:

— מיין טאכטער האט זיך פערליבט אין אייך? און איהר האט זיך נישט פערליבט אין איהר, דאס איז געווען אהן אייער וויסען?...

סטעפאן האט זיך אביסעל פערשטעהמט און האט געוואלט פערבעסערען דאס וואס ער האט קאליע געמאכט

— איך האב זיך, אפשר שלעכט אויסגעדריקט אבער נישט שלעכט געמיינט: מיר האבען זיך בעקענט און אונזער בעקאנטשאפט איז איינגיכען איבערגעגאנגען אין א ליבע

— און צוליב אייך, האט נחום ראזען געשא-קעלט מיט'ן קאפ האט מיין טאכטער פערלאזען איהרע עלטערען, איהר היים און דאן איהר גלוי-בען און גאט...

— ס'קען זיין, אז זי האט דאס געטון צו-ליב מיר, אפשר איז עס ווירקליך אזוי, אבער נישט וועגען דעם האנדעלט זיך עס,

— איינס ברענגט מיט זיך דאס צווייטע, ווען נישט איהר, ווען נישט דאס ענטלויפען פון איהר עלטערענס הויז, ווען נישט דער שמד וואלט נישט געקומען צו דעם איצטיגען געשפרעך מיט אייך.

גוט, זאל זיין אזוי, האט סטעפאן שוין אנ-געהויבען צו ווערען אונגעדולדיג, איך וועל אייך אויף די אלע פראגען גארנישט ענטפערען. מיר האנדעלט זיך איצט אין דעם עיקר — איי- אי-בערצוגעבען ,אז אייער טאכטער איז אוועקגע-פיהרט געווארען און ס'קען זיין אז איהר לעבען געפינט זיך אין געפאהר,

— איז איהר דער בעשיצער פון מיין טאכ-טער, איהר טראכט גארנישט וועגען דעם, אז איהר לעבען געפינט זיך אין געפאהר, איהר זענט דאך פערליבט אין איהר, זי האט דאך איהרע עלטערען, איהר היים און איהר גלויבען אויס-געטוישט אויף אייך, איז דאך אייער חוב צו זעהען, אז איהר לעבען זאל אפגעראטעוועט ווע-רען:

— איך וואלט דאס זיכער געטון, הגם איך מוז אייך זאגען, אז די בעציהונגען צווישען מיר און אייער טאכטער זענען געווארען אנדערע ווי זיי זענען געווען ביז איצט, אבער איך קען זיך נישט אנגאזשירען אין קיין אוואנטורעס צוליב מיין שטעלונג

— וואס פארא שטעלונג פערנעהמט איהר, האט נחום ראזען שוין נייגעריג געפרעגט

— איך בין א הויכער מלוכה-בעאמטער און וואלט נישט געקענט מיין נאמען אריינמישען אין אזא אוואנטוריסטישען ענין, אמלייכסטען וואלט געווען ווען איהר אלס איהרע עלטערען וואלט אנגעהויבען אנ'אקציע צו בעפרייען אייער טאכ-טער,

נחום ראזען איז אזש בלאס געווארען פאר כעס:

— אזוי גאר איהר וואלט נישט געוואלט אייער נאמען אריינמישען אין קיין אוואנטוריסטישען ענין? איך רעד ווענען סתם א מענש, איך רעד שוין נישט וועגען קיין געליבטער, ווי דאס הייסט ביי אייך, אדער אפשר גאר איז שוין יהודית אייער ווייב, אפראטעווען זי הייסט זיך אריינלאזען אין אוואנטורע און אפרייסען אנ'איינציג קינד פון איהרע אומגליקליכע עלטערען, זי אפשמדען איז נישט קיין אוואנטורע? איך האב פערגעסען — איהר האט מיר שוין בעוויזען צו זאגען. אז די בעציהונגען צווישען אייך און אייער גע-ליבטער האבען זיך שוין געענדערט, פערשטעהט זיך, אז איצט האט איהר שוין נישט די פליכט איהר צו העלפען, צי ס'זאל זיין אזוי, אפשר האט מיר גאט צוריקגעשיקט דורך אייער שליחות מיין טאכטער, גוט איך נעהם אן אייער ערקלערונג, אז איהר קענט גארנישט אין דעם ענין טון: אפשר וועט מיר דאס צונויף קומען אויף שפעטער, איצט דערצעהלט מיר וואס מיט איהר איז פארגעקומען?

— סטעפאן האט זיך געפיהלט אביסעל גע קרענקט פון ראזענס בעליידיגענדע ווערטער, ער איז אבער אריינגעגאנגען אין דער לאגע פון דעם אומגליקליכען יודישען פאטער און האט דערויף גארנישט געענטפערט, ער האט געוואלט וואס גיכער דערצעהלען וואס מיט אידאן איז פארגע-קומען, כדי ער זאל קענען וואס גיכער אוועקגעהען פון דאנען

— ביזוויליגע מענשען, האט סטעפאן אנגע הויבען האבען ערגעץ פערשלעפט אייער טאכטער, בעת איך בין געווען מיט איהר צוזאמען אויף א באנקעט, דאס איז אלץ וואס איך ווייס וועגען דעם ענין, מ'דארף נועגען דעם מעלדען דער פא ליציי,

— וואס קען איך מער. דער פאליציי? איך וועל זיך דאך מוזען פעררופען אויף אייך און אייער נאמען וואלט סיי ווי סיי געמוזט פי-גורירען אין דעם ענין

— דאס שאדט נישט איהר קענט זיך פער-רופען אויף מיר און איך וועל שוין דער פאליציי איבערגעבען אלע פרטים דערפון, דער עיקר אז איך זאל וועגן דעם נישט מעלדען דער פאליציי נאר דאס זאלען טון איהרע עלטערען, איהר דארפט מיך פערשטעהען פאניע ראזען, האט סטעפאן מילד געזאגט, מיין פרייערע שטעהט אין קאן, איך קען נישט אנדערש האנדלען, ס'איז פאר מיר א פראגע פון מיין גאנצע צוקונפט

— און דעריבער זענען די בעציהונגען צווי-שען אייך און יהודיתן איצט אנדערש געווארען, צוליב אייער קאריערע, דוכט זיך, אז איך האב אייך ריכטיג פערשטאנען, אבער נישט איצט דארפט מען רעדען וועגען דעם, איך זאג אייך דעם אמת, אז איך פערשטעה בכלל זעהר ווייניג פון דעם וואס איהר האט מיר פערצעהלט, אבער איך געה אין דער פאליציי מעלדען וועגען דעם.

(פארטזעצונג קומט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

זונטאג 28 כה ניסן תרצה

אפריל

זון-אויפגאנג 4.12
זון-אונטערגאנג 6.56

פון יודישען האנדווערקער-לעבען

פעראייניגטער קאמיטעט פאר יודישער מלאכה נעמט אונטער אנ'אקציע פאר געזעלען און לערן-יונגלען. — פערלייכטערזן עקזאמעס פאר געזעלען נאך אין היינטיגען יאהר. — בעראטונג וועגען דער יודישער לאגע פון די כאלופניקעס

אין דער לעצטער צייט איז בעזונדערס אקטועל געווארען די פראגע וועגען דער יורידישער לאגע פון געזעלען (טשעלאדניקעס) און לערן-יונגלעך (טערמינאטארען).

לויט'ן אינדוסטריע - געזעץ דארפען אלע לערן-יונגלעך שליסען אבמאכען מיט די מייסטערס, ביי וועלכע זיי ארבייטען, און די דאזיגע קאנטראקטען מוזען רעגיסטרירט ווערען אין האנדווערקער - קאמערן. אויב א לערן-יונגעל לערנט זיך א פאך נישט ביי קיין דיפלאמירטען מייסטער און רעגיסטרירט נישט דעם אבמאך, האט נישט די לעהר קיין שום יורידישען ווערט, ד. ה. ער קען נישט ווערען קיין געזעל און דערנאך — א זעלבסטשטענדיגער האנדווערקער.

די געזעלען ווידער מוזען, לויט'ן אינדוסטריע - געזעץ, בעלעגען ענטשפרעכענדע טשעלאדניקעס - עקזאמענס, אהן וועלכע זיי קענען שפעטער נישט ווערען קיין זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות. בלויז אין משך פון היינטיגען יאהר 1935 קענען די טשעלאדניקעס ביילעגען פערלייכטערטע עקזאמענס אנן עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די געזעלען דארפען אויסנוצען דעם דאזיגען טערמין און געניסען פון די הנחה-עקזאמענס, וועלכע וועלע נאכ'ן יאהר 1935 זיכער זיין קאמפליצירט און בעשווערט.

אין צוזאמענהאנג מיט אט די אלע ענינים, וואס האבען א קאלאסאלע בעדייטונג נישט נאר פאר דער איצטיגער לאגע פונ'ם יונגען יודישען האנדווערקער-דור, נאר אויך בכלל פאר דער צוקונפט פונ'ם יודישען האנדווערק. האט דער פעראייניגטער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה אונטערגענומען א גרויסע אקציע, וואס האט דעם צוועק צו פערזיכערען דעם צווואוקס פון דער יודישער מלאכה אין פוילען, עס איז קלאהר, אז אהן א נארמאלער און לעגאלער ענטוויקלונג פון די יודישע לערן-יונגלעך און געזעלען שטעהט די צוקונפט פון דער יודישער מלאכה אין סכנה.

די אקציע פון פעראייניגטען קאמיטעט, וואס געהט קודם-כל אין דער ריכטונג פון פיהרען א גרויסע אויפקלערונגס-ארבייט צווישען די מאסען פון די יודישע לערן-יונגלעך און געזעלען, נעמט ארום גאנץ פוילען. אלע פעראייניגטע קאמיטעטען אויף דער פראווינץ פאדערען אויף די לערן-יונגלעך צו רעגיסטרירען זייערע אבמאכען. די יודישע געזעלען ווערען גערופען אויסצונוצען דעם הנחה-טערמין פונ'ם היינטיגען יאהר און בעלעגען די פערלייכטערטע טשעלאדניקעס - עקזאמענס. דער פעראייניגטער קאמיטעט האט שוין דורכגעפיהרט אנ'אנקעטע אין הונדערטער שטעט אין פוילען וועגען דעם יורידישען מצב פון די יודישע לערן - יונגלעך און געזעלען. די מאטעריאלען פון דער אנקעטע ווערען טאקע אויסגענוצט ביים דורכפיהרען די אקציע. אין 85 שטעט פון דער פוילישער פראווינץ זענען שוין די ארטיגע קאמיטעטען פאר די ענינים פון יודישער מלאכה צוגעטרעטען צו אנ'אינטענסיווער טעטיגקייט צווישען דער האנדווערקער - יוגענד. אין א רייהע גרעסערע שטעט ווערט אויך פראיעקטירט די גרינדונג פון ספעציעלע אויפזיכטס-אנשטאלטען איבער דער פאך - אויסבילדונג פון דער יודישער יוגענד (פאטראנאטען, בעראטונגס-שטעלען א. א. וו.), כדי צו פערלייכטערן דער יודישער יוגענד דאס צופאסען זיך צום פערפליכטענדען געזעץ.

די אקציע פאר די יודישע לערן-יונגלעך און געזעלען איז דורכ'ן פעראייניגטען קאמיטעט פאר יודישער מלאכה אונטערגענומען געווארען אונאבהענגיג פון דער גרויסער לעגאליזירונגס - אקציע פון די זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער, וואס ווערט דורכ'ן דאזיגען קאמיטעט פארטגעזעצט.

גענויע אויפקלערונגען און אינפארמאציעס וועגען די אלע ענינים, ערטיילט דער פעראייניגטער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה, ווארשע, ניעצאלע 8 וו. 7. (יט"א)

* * *

כדי אויפצוקלערן די יורידישע לאגע פון די „כאלופניקעס", בנוגע וועלכע עס הערשען געגענגעזעצטע מיינונגען, האט דער פעראייניגטער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה זיך געווענדעט צו א רייהע פעראינטערעסירטע ארגאניזאציעס וועגען זייער שטעלונג צו די דער מאנטע פראגען, וואס האבען א לעבענס-בעדייטונג פאר צעהנדליגער טויזענדער „כאלופנייקעס".

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט דורכ'ן פעראייניגטען קאמיטעט גערופען אין די נאהענטסטע טעג א גרעסערע בעראטונג מיט'ן אנטייל פון א רייהע פארשטעהער פון פעראינטערעסירטע יודישע ארגאניזאציעס, כדי אריינצוברענגען קלארקייט אין דער לאגע פון די יודישע „כאלופניקעס" אין פוילען. (יט"א)

בירגער קאאפעראטיסטען!

מיר רופען אייך מאסענווייז צו צייכנען די

3% פרעמירטע אינוועסטיציע-הלואה

לעגט נישט אפ אויף דער לעצטער מינוט!

מיר ווענדען זיך אויך צו די ברייטע מאסען פון אונזער געעהרטער קליענטעלע מיט'ן אויפרוף צו צייכנען ביי אונז די נוצליכע הלואה. וואס ווערט געפיהרט אונטער דער עהרענהאפטער לאזונג:

„מיר בויען"

דער קאפיטאל אין דער דאזיגער הלואה ארבייט. פראצענטירט, פערדינט און ריזיקירט גארנישט.

די אנהענגער פון לאטעריע – האבען שאנסען צו געווינען; די שפארערס – האבען געזיכערטע פראצענטען און די מעגליכקייט צו שטארקען אויף אזא אופן די זיכערקייט פון אנדערע זייערע לאקאטען! אלע פעראינטערעסירטע אין אויפבויען דאס לאנד, דארפען גוטווילליג און אליין פון זיך צייכענען די הלואה!

אונזערע קאסעס געהמען אן אהן איבעררייס די צייכנונגען פון 8 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

מיר דינען מיט אלע ערמעסיגונגען!

פריוואטע איניציאטיוו און נישט געצוואונגענער ווילען מוזען ארויסווייזען, אז זיי זענען בכח אפצוהאלטען א בכבוד'ן נצחון!

מיר עפענען א ספעציעל פענסטערל אויף נאכמיטאג פון 4 ביז 6 און ווארטען אויף אייערע מאסענווייזע אנמעלדונגען!

באנק קופיעצקא-קרעדיטאווי ספולדזשיעלטשי

מיט בעגר. האפ.

לאדז, פיעטריקאווער 29.

א סכסוך צווישען א מייסטער און ארבייטער

פערענדיגט מיט רעוואלווער-שאסען מעסער-שטעכעריי און א רייהע פראצעסען

(א) דעם 24 אקטאבער פ.י. האט אין שמולעוויטש'ס פאבריק דער וועבער זיגמונד באלדין צוליב א לענגערן סכסוך מיט מייסטער פראנצישעק יעגער, צוויי מאל אויסגעשאסען אין איהם פון א רעוואלווער.

דעם וועבערס קוילען האבען נישט געטראפען, אבער דעם מייסטערס ברודער הערמאן יעגער איז צו הילף געקומען דעם מייסטער און ביידע האבען באלדינען שרעקליך צושלאגען און צושטאכען מיט א מעסער.

דאס קרייז-געריכט האט בשעתו פערמשפט באלדיגען פאר וועלען דערשיסען יעגערן אויף 2 יאהר טורמע.

דאס שטעטישע געריכט אין צווייטען פראצעס האט פערמשפט די ברידער יעגער, פאר צושלאגען און צושטעכען באלדינען: פראנצישעק יעגער אויף 8 חדשים און הערמאן יעגער אויף 6 חדשים טורמע.

ביידע ברידער זענען געבליבען נישט צופרידען מיטן אורטייל און אפגערופען זיך אין קרייז-געריכט.

דאס קרייז-געריכט האט געענדערט דעם פסק דין: פראנצישעק יעגער האט בעקומען 6 חדשים טורמע אפלעגען איהם די שטראף אויף 2 יאהר, ערמאן יעגער איז פרייגעשפראכ'ען געווארען.

מאיר גראסמאן קומט מארגען נאך לאדז

מארגען קומט נאך לאדז דער פרעזידענט פון דער יודענשטאטס-פארטיי ה' מאיר גראסמאן וועלכער וועט ארויסטרעטען אין פילהארמאניע מיט א רעפעראט. גראסמאן וואוינט די לעצטע יאהרען אין א"י און אויף זיין צוריקרייזע פון דער לעצטענס פארגעקומענער יודענשטאטס-פארטיי קאנפערענץ אין ווארשא, וועט ער ווילען איין טאג אין לאדז.

רעכט פון קרובים

פון א פערזיכערטען מיטגליד צו געניסען פון פערזיכערונג-אנשטאלט

דער מיניסטער פון סאציאלער השגחה קלערט אויף, אז קינדער און אייניקלעך פון א פערזיכערטען מיטגליד האבען רעכט צו געניסען פון אלע הנחות, וואס די פערזיכערונגס - אנשטאלט גיט די משפחה - מיטגלידער פון די פערזיכערטע, אזוי לאנג, כל זמן זיי זענען נאך נישט אלט קיין 16 יאהר.

אין צוויי פאלען האבען קינדער און אייניקלעך פון א פערזיכערטען רעכט צו געניסען פון די פערזיכערונגס - אנשטאלטען אפילו נאך 16 זיאהר און נעמליך, אויב זיי לערנען זיך אין שולען אדער זענען נישט פעהיג צו ארבייט.

דאס געזעץ וועגען סאציאלע פערזיכערונג ערלויבט צו געניסען פון קראנקהייט - לייסטונגען נישט בלויז דער פרוי און קינדער אדער אייניקלעך פון פערזיכערטען, נאר אויך צוויי פערזאן פון די איבעריגע קרובים (מוטער, פאטער, שוועסטערען) אדער 1 פערזאן, וואס געהער אפילו נישט צו דער משפחה פון פערזיכערטען. פון די דאזיגע רעכט געניסט אזא פערזאן נאכדעם ווי זי וואוינט צוזאמען מיט'ן פערזיכערטען און ווערט דורך איהם גענצליך אויסגעהאלטען אין משך פון 6 חדשים.

די רעכט פון אזעלכע נישט-קרובים צו געניסען פון פערזיכערונגס - אנשטאלט איז נישט אפהענגיג פון דעם אומשטאנד, צי דער פערזיכערטער האט אליין א פרוי מיט קינדער, בערעכטיגטע צו געניסען פון די קראנקהייטס-לייסטונגען.

ס'איז אבער יא אפהענגיג פון אומשטאנד, צי דער פערזיכערטער האט די דערמאנטע פערזאן געמאלדען גלייך, ווען ער איז אליין צוגעטרעטען צו דער ארבייט. קוים איז די זעלבע פערזאן געמאלדען געווארען אין פערזיכערונגס-אנשטאלט שפעטער, האט זי פריהער נישט קיין רעכט צו געניסען פון די לייסטונגען, ווי ערשט נאכ'ן אפלויף פון מינדעסטענס 13 וואכען.

—=—

גוט געוואכט

געכאפט א גנב ביי דער האנד

(א) אין מאנופאקטור - געשעפט פון דער פירמע זאקהיים (פיעטריקאווער 80) האבען זיך אריינגעכאפט גנבים און זיך גענומען צו דער ארבייט. איינער פון די גנבים איז געשטאנען אין דרויסען אויף דער וואך. אין א געוויסען מאמענט האט דער „וועכטער" בעמערקט, אז די פאליצייי האט „געקנסט". קודם כל האט ער זיך גענומען ענטלויפען איהם איז עס געלונגען צו ענטקומען אבער זיין קאמפאניאן פון אינעווייניג האט מען געכאפט ביי דער ארבייט.

דער פעהאלטענער איז א געוויסער לוזער זשעזשעווסקי, א בעקאנטער. שוין נישט איינמאל בעשטראפטער גנב.

—=—

יודיש
מאריאנעטען-שפיל
„בערל-שמערל"-טעאטער
אנפיהרונג: משה בראדערזאן
אין קאפע „קאפריז"
(פיעטריקאווער 29)
דער פראגראם א. נ.
„מזל-טוב"
עס הערען געוויזען לאלקעס-קאריקאטורען פון: דער טערקישער חזן כראל-אבטעט-פאשא, חזן; פוסה-וויצקי; אדתאקאם ווהמצמעל; דער דייטשע וואשאפינסקי; בען-בען גוריאן; ר' סענדערל גראנאך; רעגינא קאנדערל-צוקער; שיינע-שיינדל מרים; יוזעף קאווארלע-שמיר; מעטענאס קאפילע; ר' ליבישל מורח מורינו; ד"ר פלויש; רעפוגאמטען-פרעזעס ר' לייבעלע; גה פורים-לוצקי; שבתאי מוהל; אוסטע-מאיר קוויעק און וואוושיניעץ עקס-קאמער; יורק'ע פאן-לאחגיק; שטענדריק עם שטענר-ריקובנע; האלעגטי און וואשעשע-כאווע; רעצע מיט די צאצע; בערל-שמערל-ברידער; פויגעלע מזי.
היינט, זונטאג - 1 פארשטעלונג
אנהויב 10 אוונד.
טעקסטען: משה בראדערזאן, י. אבערזשאנעק און ח. י. בזשוסטאווסקי. לאלקעס נאשניצט — ש. מאבאק מוזיק ארראנזשירט: דר' פמנעלמאן.

אויטא-קאנטראל

מארגען מאנטאג, דעם 29 אפריל דארפען זיך שטעלען צו קאנטראל די אויטאמאבילען. פאר דער קאמיסיע נומער 1 אויף וויגורא גאס, צופאהר פון דער זייט פון קילינסקי, פון די אינהאבערס, אדער פירמעס, וואס הויבען זיך אן מיט די בוכשטאבען

Wi ביז סוף W

Za ביז Ze איינשליסליך.

די אויטאס מוזען זיך שטעלען פינקטליך 8 א זייגער אינדערפריה.

מורא פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע

פאר דער אויסמעסטונג פון אומזאץ-שטייער

(אג) ווי בעוואוסט, וועט היי-יאהר צום ערשטען מאל פארקומען די אויסמעסטונג פון אומזאץ-שטייער, אהן דער בעטייליגונג פון בירגערליכען עלעמענט און אויסשליסליך ביי דער בעטייליגונג פון בעאמטע.

די אויסמעסטונג פון אומזאץ-שטייער - אויפן יאהר 1934 פאר פערזאנען וואס פיהרען נישט קיין ריכטיגע האנדעלס-ביכער, וועט וואהרשיינליך פארקומען אין משך פון קומענדיגען חודש אין שייכות דערמיט הערשט אין די טעקסטיל-קרייזען א בעאונרואיגונג וועגען דער הויך פון דער דאזיגער אויסמעסטונג. לויט דער מיינונג פון די פעראינטערעסירטע קרייזען, איז די מורא א בעגרינדעטע, ווייל די פראדוצענטען וואס פיהרען נישט קיין ביכער און האבען שוין זייערע זעזנאניעס אפגעגעבען. זענען אין דער מיינונג, אז בלויז דער בעאמטען-עלעמענט אהן דער בעטייליגונג פון בירגער, וועט נישט נעהמען אין אכט די זעזנאניעס פון שטייער-צאהלער. עס דארף בעטאנט ווערען, אז די אויסמעסטונג פון אומזאץ-שטייער האט א קאלאסאלע בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון דער לוין-אינדוסטריע.

לאדזער האנדעלס-קאמער געצייכענט 28 טויזענד זל.

אויף דער אינוועסטיציע-הלוואה

(אג) די לאדזער האנדעלס-קאמער האט בעשלאסען צו סובסקריבירען די אינוועסטיציע-הלוואה אויף א סומע פון 28,000 זל. דערפון האבען די בעאמטע פון דער קאמער געצייכענט 18,000 זל. און די קאמער אליין 10 טויזענד זל.

אסעקוראציע-קאסע פאר יודישע טארג- און מערק-פאהערס

איז געעפענט געווארען ביים צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין

פערגאנגענעם דאנערשטאג, מוצאי יום-טוב, איז אין לאקאל פון דער אינטעליגענטען-קוך ביי „נותן לחם" (שרודמעיסקא 20) פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון אנ'אסעקוראציע-קאסע ביי דער סעקציע טארג-און מארק - פאהערס ביים קליינהענדלער-פעראיין (פאמארסקא 15).

פון די רעדעס פון די איניציאטארען שטעלט זיך ארויס, אז די לאגע פון די טארג-און מארק-פאהערער'ס איז זעהר א טרויעריגע: די מערק-פאהערער'ס, וועלכע זענען על פי רוב ארימע מענשען, קויפען די סחורה ביי פאבריקאנטען און לאגע ריסטען, דאס רוב איז דאס געלד מיט וואס זיי האנדלען — געבארגט, פון וואס זיי צאהלען פראצענט. זיי לעבען אין דחקות און נויט, ביי די שרעקליכסטע בעדינגונגען, און צו דעם אלעם זענען זיי אויסגעשטעלט בדיל הדל צו ווערען. זענען אונטערגעווארפען אלע ארט שיקאנעס פון גאסען-יונגען און אוואנטוריסטען. זעהר אפט ווערען די יודישע מערק-פאהערער'ס אויף די מערק אין פוינער קאנט און אנדערע מערק בעפאלען, דאס ביסעל סחורה ווערט צוראבירט אדער צו-געגנבעט. די יודישע מערק - פאהערער'ס זענען אויף די מערק — הפקר. נישט ווי, נישט ווען, לאזט זיך א מחנה, כלומרשט ארבייטסלאזע, אויף די מערק און מ'צוכאפט ס'ביסעל סחורה. די מערק - פאהערער קומען צוריק אהיים אהן סחורה און אהן א גראשען ביי דער נשמה. זיין עקזיס-טענץ ווערט צובראכען. ס'איז נישטא ווער ס'זאל איהם העלפען. די חברים, פאהערער'ס, זענען אליין געדריקטע מענשען, און פון ארויסהעלפען א חבר קאן גאר קיין רייד נישט זיין.

ביי דער פערוואלטונג פון די מערק-און טארג פאהער'ער-סעקציע ביים קליינהענדלער - פעראיין (פאמארסקא 15), איז דערום ענטשטאנען א גע-דאנק ,צו שאפען אנ'אסעקוראציע - כאסע, דער פאנד וועט זיך צוזאמענשטעלען פון א געוויסען פראצענט, וואס די פאבריקאנטען און לאגעריס-טען וועלען אראפגעבען פון די קניות, וואס די מערק - פאהערס מאכען. פון דעם פראצענט וועט זיך צוזאמענשטעלען דער פאנד פון דער אסעקו-ראציע - קאסע. אויב ס'וועט פאסירען א פאל מיט א מארק - פאהערער, וואס האט געליטען אויף א מארק, וועט ער געשטיצט ווערען פון דער אסעקוראציע-קאסע. די מיטגלידער האבען דערום זעהר ווארעם אויפגענומען דעם פראיעקט. דאס איז געווען צוזעהען פון דער יום-טוב'דיגער שטי-מונג אויף דער פייערליכער דערעפנונג פון דער אסעקוראציע - קאסע.

* * *

די פייערליכקייט ווערט געעפענט פון עהרען-פרעזעס, מענדעל מינץ, דעם פארזיץ נעמט איבער דער פארזיצער פון דער סעקציע, משה לאפער, וועלכער ווייזט אן אויף דער נויטווענדיגקייט פון דער קאסע פאר די מיטגלידער.

בעגריסט האבען דעלעגאטען פון פערשידענע פעראיינען. א גרעסערע רעדע האט געהאלטען ראטמאן פ. כארי, וועלכער האט אויספיהרליך, גע-שילדערט די טרויעריגע לאגע פון די יודישע טארג-און מארק - פאהערער'ס. ווייזט אן אויף דער וויכטיגקייט פון דער ניי - געשאפענער קאסע און רופט די מיטגלידער די קאסע אונטערצושטיצען.

נאך דעם ווי ס'בעגריסען נאך די ה"ה: ווי-צע פרעזעס יאקובאוויטש, א. גייסט, ליבערמאן, מענדזשיגורסקי, ווינטער, באמשטיק, לערמאן א. אנד. שנייד'ט ראטמ. כארי איבער דאס „גאלדענע בוך", דער עולם פערשרייבט די נעמען אין „גאל-דענעם בוך" און ס'ווערען געשפענדעט בעשיי-דענע סומעס לטובת דער אסעקוראציע - קאסע.

נאך דעם אפיציעלען טייל, האט זיך דער עולם פערוויילט ביז פארטאג.

דער עולם האט פערלאזען די ערעפנונג מיט דעם בעוואוסטזיין, אז ס'איז געשאפען געווארען א וויכטיגע הילף-אינסטיטוציע פאר די יודישע טארג-און מארק - פאהערער'ס.

—=—

הנחה-רייזעס אין ביליגע אויס-פליגען פון „ארביס"

די אינדיווידועלע הנחה-רייזעס קיין פוילען מיט דער גילטיגקייט ביזן 6-טען מאי ד. י. צוליב די יריד'ן וואס קומען דארט פאר, האבען גרויס ערפאלג. די איבערגעבליבענע אנטיילנעמער קאר-טען זענען צו בעקומען אין דער פוילישער רייזע-ביורא „ארביס", דארטען אויסשליסליך קומען אויך פאר די איינשרייבונגען אויף צו פאהרען קיין משעכאטשינעק, דרוסקעניק, יאסטזשעמביע, איוויצ-ניטש, קריניצא, ראבקא, שטשאווניץ. טרוסקאוויעץ און זשעגאסטאוו אויף ביליגע קוראציע אין פריה-לינג-סעזאן. די לעצטע טעג פון איינשרייבונגען אויף די אויספליגען קיין קאפענהאגען, בודאפעסט, וויען אויך יוגאסלאוויען, ביליגסטע גרופען קיין פאלעסטינע יעדע צוויי וואכען, קיין בעלגיען און פראנקרייך יעדען מיטוואך און שבת, ערלעדיגט פאס אנגעלעגענהייטען ווייזעס אין אלע לענדער.

פערקויף פון חורשליכע טראמוואי בילעטען פיעטריקאווער 18.

דעם 1. מאי — 4 דעמאנסטראציע-צוגען

די נאצי פון אונטער דעם האקענקרייץ פייערען אויך

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען דאס פראגראם פון דער פייערונג פון דעם פראלעטארישען יום-טוב פון 1-טען מאי. די לאדזער סטאראסטווע האט ערלויבט אויף 4 דעמאנסטראציע-צוגען.

דער ערשטער צוג איז פון די „נאצי" אונ-טערן צייכען האקענקרייץ, די גרופע פון אברעמב-סקי געהט ארויס פונ'ם לאקאל אויף פיעטריקאווער 209, 9 א זייגער אינדערפריה און וועט געהען מיט דער פיעטריקאווער צו דער לעניאנאוו-גאס, אויפ'ן גרינעם מארק. דארט זאל דער צוג אויפ-געלעזט ווערען.

דער צווייטער צוג פ.פ.ס., לינקע פראקציע, געהט ארויס פון פארטיי-לאקאל אויף רוג אל. קאשטשושקי און זאמענהאף דורך דער פיעט-ריקאווער אויף פרייהייטס-פלאץ, 11 ליסטאפאדא צו קאנסטאנטינער פאלעסיע אויפ'ן קבר פון די געפאלענע אין יאהר 1905.

דער דריטער צוג איז פון דעם פעראיין פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען (ז.ז.ז.)

דער צוג געהט פון באנדורסקי און אל. קאשטשושקי דורך דער פיעטריקאווער צום פריי-הייטס-פלאץ.

דער פערטער צוג די סאציאליסטישע פאר-טייען: פ.פ.ס., דייטשע סאציאליסטישע פארטיי און בונד געהט פון וואדני רינעק 12 א זייגער דורך גלובנא, 11 ליסטאפאדא אויף קאנסטאנטינער-פאלעסיע.

פעראיין פון טעקסטיל-אינדוסטריע אין פוילען צו די ה"ה מיטגלידער

אויפרוף .זוענען צייכנען די אינוועסטיציע-הלוואה

אויפן סמך פון צירקולאר נומער 52 פונם 18 ד. ח. ווענדען מיר זיך נאכאמאל מיט א היי-סען אפעל צו די ג' מיטגלידער פונם פעראיין, אז מען זאל זיך צואיילען און אויספילען די פארמא-ליטעטען צו דער צייכנונג פון דער אינוועסטיציע-הלוואה.

מיר ווייזען דערביי אויף, אז לויט דער אי-ניציאטיוו פון עטליכע פירמעס האבען מיר בעקו-מען פערלייכטערונגען ביים צייכנען די הלוואה.

א העלפט פון דער הלוואה קאן מען איינ-צאהלען מיט דער נאציאנאלער הלוואה.

די פירמעס, וועלכע ווילען אויסנוצען די געלעגענהייט אין די פערלייכטערונגען און באלד צייכנען די הלוואה, ווערען געבעטען טעלעפאניש זיך צו פערבינדען מיט דער דירעקציע פון פער-איין.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: א. פאטאש פלאץ קאשטשעלני 10), א. כארעמזא (פאמארסקא 12), ז. מילער (פעטריקאווער 46), מ. עפשטיין (פעטרקאווער 225), ז. גארטשיצקי (פשעיאזד 59). י. אנטאניעוויטש (פאביאניצער 56).

פון „שומרי ומזהירי שבת"

דער צ.ק. פון „שומרי ומזהירי שבת" אין לאדז, האט פראקלאמירט דעם חודש ניסן אלס פראפאגאנדע חודש פאר שמירת שבת.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, זענען אין די שוהלען און אין בתי-מדרשים געהאלטען געווארען דרשות פון די ראבינאט-מיטגלידער און מיטגלידער פון שומרי שבת, וואו זיי האבען גערופען אויסצו-מיידען דעם חילול שבת.

אויסשטעלונג פון ראמאן ראזענטאל

האט גרויסען ערפאלג

די אויסשטעלונג פון דעם בעקאנטען מאה-לער ראמאן ראזענטאל אין דער קונסט-גאלעריע (שיינקעוויטש-פארק) האט גאך אלץ גרויסען ער-פאלג. די אויסשטעלונג איז דערום פערלענגערט געווארען ביז 30 ד. ח. די וואס האבען נאך ביז איצט נישט בעזוכט די אויסשטעלונג דארפען דאס טאן ביזן 30 ד. ח. די אויסשטעלונג איז אפען טעגליך פון 11 פארמ. ביז 8 אווענד.

ביי דער אונטערוואקסענדער יוגענד

ווענדעט מען אן אינדערפריה א גלאז נאטירליך ביטער וואסער

Franciszka Józefa

ביים געברויך פון דעם וואסער וואס איהר ריינינגקייט וויר-קונג אויס; בלוט און די פערבעסערטע פונקציע פון מא-גען און קישקעס ביי מערלעך און יונגלעך, ניט אנ'איבא-ראשענדען ערפאלג. פרעגט דאקטוירים.

אין שכנס שטוב האט זי זיך פערבראנדזשעט

דעם מאן פון דער וועלט אומגעבראכט און זיך אליין אומגליקליך געמאכט

(א שרעקליכע טראגעדיע פון א לאדזער יודישער ארבייטער-משפחה)

פערל ג. שטאמט פון לוויוויטש, זי איז א טאכ-טער פון א בעסערער משפחה.

מיט איינינגע יאהרען צוריק איז זי געקומען קיין לאדז, זי איז דעמאלט געווען א מיידעל פון א יאהר 25, זייענדיג א זעהר סימפאטישע, אינטעליגענטע און געגוג ענערגיש, איז איהר געלונגען באלד זיך דא איינ-צואָרדנען אויף א פאסטען אלס פערקויפערין אין א גרויס קאנפעקציע-געשעפט.

אין א צייט ארום האט זיך פערל בעקענט מיט א שניידער געזעלען א געוויסען חיים ל. א בעקאנטען ארבייטער טוער, דאס פערל האט זיך היים פערליבט און אין קורצען חתונה געהאט.

נאך דער חתונה האבען ביידע ווייטער געאר-בייט, האלבוועגען פערדינט, געפיהרט א בעשיידען אנשטענדיג לעבען און געווען צופרידען מיט זייער גורל.

———

אין שכנות מיט דער דערמאנטער פאמיליע האט געוואוינט א צווייטע ארבייטער משפחה. ער דער קאפ פון דער פאמיליע משה ש. איז געווען א זאקען ארבייטער. ער האט אבער שוין א לענגערע צייט נישט געהאט קיין ארבייט און דאך גאנץ בעקוועם געלעבט.

די דאזיגע רעטעניש האט געברענגט אין בעווע-גונג די מאטעריעלע צונגען פון איינינגע שכנטעס. זיי האבען זיך אנגעהויבען עפעס צו סודלען אויפן חשבון פון די ש'ס. געוואגט אפלו צו מורמלען, אז זיי פיהרען נישט קיין גלאט כשרע געשעפטען, געגנוי פון וואנען די משפחה שעפט איהרע הכנסות וואס ביי זיי אין שטוב קומט פאר, האט דאך קיינער פון זיי נישט געוואוסט, בלויז דער הויז - סטרוזש, וואיטשעך, האט דערשנאפט אז ביים פאנטשאשניק ווערט געטריבען זנות, אז ער מאכט א לעבען פון דער דאזיגער פרנסה....

———

חיים ל. האט געוואוינט מיט די ש'ס איין טיר אין דער אנדערער דאך האט ער אפילו רעכט נישט געקענט די שכנים פון דער קעגענאיבערדיגער שטוב. ער האט זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט די שכנים קיינמאל צו קיינעם פון זיי נישט אריינגע-גאנגען.

אהיימקומענדיג א מידער פון דער ארבייט, האט ער זיך אנגעלעהנט אויף דער קאנאפע, געלייענט א צייטונג אדער א בוך פערשפילט דאס קינד, וואס איז דורך דער צייט ביי איהם געבוירען געווארען, א-דער ר'איז אוועק אויף א דרינגענדע זיצונג, בערא-טונג אדער פערזאמלונג אין פעראיין.

אויך פערל האט נישט געהאט קיין עסקים מיט די שכנים. אין דער פרייער צייט פון דער ארבייט איז זי געווען אינגאנצען פערנומען מיט דער באלע-באטישקייט אדער מיטן קינד און האט זיך זעלטען געקאנט ערלויבען ארויסצוכאפען זיך פון שטוב אויף א שעה צייט, האט זיך שוין אמאל געמאכט אזא געלעגענהייט איז פערל אוועק בעסער זיך זעהען מיט איהרע קרובים אדער פערברענגען אין א קינא א-דער טעאטער

צו קיין שכנים איז זי קיינמאל נישט אריינגע-גאנגען און זי האט זיך אזוי געהאלטען לגבי די שכנים אז אויך זיי זענען צו איהר נישט אריינגע-קומען.

נישט בעסער זענען געווען די בעציהונגען פון פערלען צו די ש'ס.

———

איינמאל פאסירט א פאל חיים ליינט זיך אוועק אווענט אוועק אין בעט שלאפען פריש און געזונט, פלוצ-לונג ווערט איהם ביינאכט נישט גוט. ער בעקומט שרעקליכע בויך-ווייטאג, פערל כאפט זיך שנעל אויף אנ'איבערגעשראקענע, זי מאכט א געוואלט. ס'קומען זיך גלייך צוזאמענצולויפען פון אלע שטיבען שכנים מיט די שכנטעס. ס'קומען אויך אריין די ש'ס.

פון געזעמעל שפרינגט ארויס ש. ווארפט זיך גלייך אויף דעם פערחלשטען חיים, ער נעהמט איהם דריקען, קוועטשען, ווענדעט אן אלערליי היימישע מיטלען און דערמינטערט איהם, א צוויי טעג מוז נאך חיים בלייבען אין דער היים. שפעטער קומט ער צו זיך, און הויבט ווייטער אן צו פיהרען דעם געוועהנט ליכען לעבענס-שטייגער.

אין איין פרט האבען זיך אבער יא חיים'ס לע-בענס-פערהעלטנישען געענדערט, און נעמליך: אין זיינע בעציהונגען צו די שכנים, בפרט צום שכן ש.

די חלשות פאסירונג האט געגעבען א געלעגענ-הייט אז חיים און פערל זאלען זיך בעקענען מיט דער משפחה ש. זיך דערנעהנטערען און בעפריינדען. די ש'ם האבען אפטער אנגעהויבען אריינצוקומען צו חיימען אויך פערל האט זיך פון צייט צו צייט אויף א וויילע אריינגעכאפט צו די ש'ס דאגעגען חיים א-ליין האט זיך ווייטער געהאלטען פון די ש'ס. ער איז צו זיי נישט אריינגעגאנגען. ס'האט איהם עפעס ניט געהארצט אין זייער שטוב אריינצוגעהן און אויך נישט מיט זיי צופיל זיך אפצוגעבען. הגם קיין בייז האט ער ביי זיי נישט בעמערקט און אויך די קלאנ-גען וועגען זייער „פרנסה" זענען צו איהם נישט דערגאנגען.

———

דער קריזיס האט זיך פערשארפט, די ארבייטס-לאזיגקייט איז געוואקסען. פערל איז רעדוצירט גע-ווארען פון פאסטען אין קאנפעקציע-געשעפט.

זי האט אנגעהויבען צו זוכען אנ'אנדערע שטעל זי איז זאגאר גרייט געווען אנצונעהמען אנ'אנדערע בעשעפטיגונג, זי האט אבער בשום אופן קיין אר-בייט נישט געקאנט געפינען און איז ממילא געצוואונ-גען געווען צו רעזיגנירען פון מיטהעלפען אין דער פרנסה.

———

זייט פערל איז געווארען א היימזיצערין האט זי זיך נאכמעהר אנגעהויבען צו חברען מיט די ש'ס, גאנצע טעג האט זי ביי זיי פערבראכט, זי האט אפילו די באלעבאטישקייט און דאס איינציגע קינד פערנאכ-לעסיגט. נישט איינמאל האט חיים זיך ביי איהר גע בעטען זי געווארענט, געדראהט און אפילו געזידעלט פאר איהר נישט ווירדיגער אויפפיהרונג, ס'האט א-בער גארנישט געהאלפען. ווי מאגנעט האט פערלען געצויגען צו די ש'ס אין שטוב.

———

דער קריזיס האט זיך געשטארקט. אין קורצען איז אויך חיים רעדוצירט געווארען. דאס ליידיג-גיין האט אויף חיימען מוראדיג געווירקט. ער איז אריינגעפאלען אין א שרעקליכע דעפרעסיע. זיך נישט געקאנט געפינען קיין ארט אין שטוב. גאנצע טעג איז ער נישט אהיימגעקומען. פערבראכט די גאנצע צייט אין פעראיין. מיטן פולען ברען זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט און געפרובט אין דער דאזיגער ארבייט צו פערגעסען אין זיינע צרות.

אבער אויך די פעראיינס - ארבייט האט איהם נישט בערוהיגט. און בעפרידיגט. דאן האט חיים אנגעהויבען צו זוכען א טרייסט אין פלעשעל. ער איז געווארען א ליידענשאפטליכער בראנפען טרינקער, פון אונטער דער ערד האט ער אויסגעגראבען געלד און זיך איינגעשאפט דעם ביטערען טראפען.. שטענ-דיג איז ער ארומגעגאנגען א שיכורער. זעלטען ווען זיך אהיימגעוויזען. מיט דער פרוי און קינד האט ער זיך שוין אויפגעהערט צו אינטערעסירען.

———

איינמאל איז חיים אהיימגעגאנגען שפעט אין אווענט. נישט ווייט פון זיין טויער כאפט איהם אן עפעס א נאכט-דאמע, שלעפט איהם אריין אין טויער, וואו ער וואוינט. ציהט איהם אריין אין זעלבען איינגאנג און וויל איהם דוקא אריינפיהרען צו די ש'ם אין שטוב.

חיים רייסט זיך פון דער חצופה ארויס און ער פאלט אריין צו זיך אין שטוב, חיים האט זיך לעצ-טענס געהאט איינינגע טעג ארומגעשלעפט איבער פער שידענע קנייפעס און די גאנצע צייט זיך נישט אהיים געוויזען, פערל האט איהם פונדעסטוועגען קיין האר ציגען קבלת פנים נישט געמאכט. זי האט זיך אפילו רעכט אויף איהם נישט אומגעקוקט.

חיים האט מיט איהר קיין שום שמועסען נישט פערפיהרט, נאר זיך אין אנגעטועכץ אוועקגעליינט. אויף דער קאנאפע און געפרובט איינשלאפען. ער האט זיך געווארפען אין אלע זייטען און איינשלא-פען נישט געקענט.

פערשידענע מחשבות זענען דעם האלב שיכורען חיים ארויפגעשוואומען אויפן זכרון. אמלענגסטען האט איהם געגעבערט דעם מוח די בעגענעניש מיט דער גאסען-מויד. זיין גאנצען לעצטענס אפגעשוואכ-טען שכל האט ער אנגעשטרענגט בכדי זיך אפצוגע-בען א דין וחשבון וואס איז דאס אזוינס פארגעקו-מען.

דאן האט חיים ערשט פערשטאנען אז ביים שכן ש. געפינט זיך א הייזעל. ס'איז איהם אויך קלאר געווארען דער „סוד" ווי אזוי ש. זייענדיג א צייט לאנג ארבייטסלאז פיהרט אזא ברוח'דיג לעבען.

———

ס'זענען פערביי טעג. חיימס קינד איז שווער קראנק געווארען, דער פאטער איז גראד ווידער אמאל אהיימגעקומען נאך א געוויסע אפוועזענהייט. טרעפענ-דיג דאס קינד אין אזא מעמד האט זיך אין דעם א-פאטישען חיים ווידער אנגעצונדען דער פאטער-גע-פיהל.

מיט אלע כחות האט חיים געוואלט ראטעווען דאס קינד. ער האט אבער נישט געהאט קיין מיטלען

אלעם פון שטוב איז שוין געווען לאנג אויספער-קויפט, פון וואנען צו נעהמען א גילדען איז שוין מעהר נישט געווען.

חיים האט שטיקער פון זיך געריסען. צוזעהענ-דיג דעם צער פון קינד, ער האט אוועקגעזעצט ביים בעטעל און אויף א מינוט נישט געוואלט דערפון אפטרעטען. נאר די גאנצע צייט געוויינט און גע-קלאגט אויף זיין ביטערען גורל.

(סוף — מארגען.)

קאמף געגן אנשטעקנדע קראנקהייטען

קינדער, וואס פאהרען אויף די זומער-קאלאניעס, וועלען שטרענג קאנטראלירט ווערען

צוליב דעם, וואס אויף די קינדער-קאלאניעס ברעכען אפט אויס פארשידענע עפידעמיעס, האט דאס מיניסטעריום פון געזעלשאפטליכער-שוץ פער-ארדענט:

קינדער, וואס ווערען ארויסגעשיקט אויף די קאלאניעס, דארפען האבען א צייגניש פון אנ'אמט ליכען דאקטאר, אז מצד דעם קינד דראהט נישט קיין געפאהר פון איבערטראגען עפעס א אנשטע-קענדע קרענק. ד.ה. אז נישט דאס קינד, און נישט קיינער אין דער היים און וועלכער דאס קינד גע-פינט זיך איז נישט קורץ פארן ארויספאהרען אויף דער קאלאניע נישט אדורכגעגאנגען עפעס אנ'אנ-שטעקענדע קראנקהייט, אדער, אויב דאס קינד, אדער עמיצער פון דער היים איז דורכגעגאנגען אנ'אנשטעקענדיגע קרענק, צו איז שוין אדורך די נויטיגע איזאלאציע-צייט און צו זענען אנגענומען געווארען אלע מיטלען, כדי נישט צו דערלאזען צו פערשפרייטען די אנשטעקענדיגע קרענק.

פארן ארויספאהרען אויף די קאלאניעס מו-זען די קינדער קאנטראלירט ווערען, צי זענען זיי נישט קראנק אויף מאזלען, שארלאך, דיפטעריט; צי זענען זיי געאימפט געגען פאקען, געגען שארלאך און מאזלען.

עס איז געווינשען, אז די עלטערן פון די קינדער, וואס דארפען ארויספאהרען אויף די זומער קאלאניעס זאלען בעצייטענס אימפען געגען די אויבענדערמאנטע קראנקהייטען זייערע קינדער און ארויסנעהמען צייגנישען וועגען דעם.

צוויי שרפות

אויף בושעזשינער 142 האט עהערנעכטען פלוצים אויסגעבראכען א שרפה אין דער האלצער-נער שאפע וואס געהערט צו פראנציזשעק קינדער-מאן. אין דער דאזיגער שאפע זענען געשטאנען א פאר פערד וואס געהערען צו שיע ראזענבערג. די ארויסגערופענע באלוטער אפטיילונג פון די פייערלעשער האט עס געלונגען אין דער לעצטער מינוט די פערד פון דער שאפע ארויסצופיהרען. די שאפע איז אינגאנצען פערברענט געווארען.

די צווייטע שרפה האט אויסגעבראכען אין א וואוין-הויז אויף פולנאצנא 8, אין דער וואוינונג פון אהרן קאלאטקע. פון די סאדזעס אין קוימען האט זיך אנגעכאפט דער דאך און פון דאך דער סופיט פון קאלאטקא'ס וואוינונג, וואס געפינט זיך אויפן דריטען שטאק.

די ארויסגערופענע פייערלעשער אפטיילונג האט דאס פייער באלד אפגעלאשען.

„מאראקא"

בילדער-אויסשטעלונג פון אדאלף בערמאן

היינט 12 פארמ. וועט אין לאקאל פיעטרי-קאווער 85 געעפענט די בילדער-אויסשטעלונג א.נ. „מאראקא" פון דעם בעקאנטען קונסט מאהלער אדאלף בערמאן. דער קינסטלער שטעלט אויס א גאנצע רייהע פון זיינע לעצטע שאפונגען.

„יונג-פאלעסטינע"

אויסשטעלונג פון ווילהעלם וואכטעל

א צווייטע אויסשטעלונג א. נ. „יונג-פאלעסטינע" ווערט היינט 12 פארמ. געעפענט אין לאקאל פון „בני ברית" (פיעטריקאווער 90) פון דעם קונסט-מאהלער ווילהעלם וואכטעל.

ראדיא-פראגראם

זונטאג, דעם 28 אפריל

9 צייט-סיגנאל, 9.06 גימנאסטיק, 9,20 פליטען, 9,30 ידיעות, 9,45 טראנסמיסיע פון גניעזשנע, 11,57 צייט-סיגנאל, 12,03 ידיעות. 12,05 טעאטער איבערזיכט, 12,15 מוזיק. פריה-מארגען, 2 קאנצערט, 3 רעפעראט, 3,15 קאנ-צערט, 4 קאנצערט, 5 אודיציע, 5,30 אודיציע פאר קינדער, 5,50 רעפעראט, 6 מוזיק. רעפאר-טאזש, 7,08 פלימעו, 8 פליטען, 8,15 אווענד-ידיעות, 8.30 אויף די „לעמבערגער פרעהליכע כוואליעס", 9,45 ספארט, 10 רעקלאמע קאנצערט, 10,15 קאנצערט, 11 ידיעות, קאמוניקאטען, 11,05 טאנץ אווענד.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי — — —		88.75
3 פראצענטיגע בוידאוולאנע		44.25
4 " דאלארובקא		53.50
7 " סטאבילזאציע (אמ.)		66.38
5 " ווארשאווער ס.-ב. 1934		60.38
5 " לאדזשער		52.50
ענגלישער פונט		25.49
דאלאר אפיצ. 5.29	נישט אפיצ.	5.25
גאלד-דאלאר		9.09
גאלד-רובל		4.68
דייטשער מארק		1.98

מעלדונג

זש. ט. ק. (וואולטשאנסקא 35 טעל. 53-121)

דער נאהענטסטער וויט-שטרעקעדיגער אויס פלוג זונטאג, ד. 5 מאי ד. י. קומט פאר אנ'אויס-פלוג קיין גאמבין, פלאצק און אומגעגענד.

איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט ביז'ן 3-טן מאי איינשליסליך.

Dr. Zygmunt Henrykowski

ספעציאל-ארצט פאר וועגערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע

וואוינט יעצט

9 טראוגוטא 9

טעל. 262-98

נעהמט אן פון 8 - 11 און פון 6—9 אווענד.

פאר פרויען א ספעצ. ווארטע-זאל

Dr Wołkowyski

האט זיך איבערגעצויגען אויף

ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02

נעמט אן אין הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע

פון 8–11 ביי טאג און פון 4–9 אווענד

א גרויסע באהן-אפערע

אויף דער ליניע לוויטש — לאדז - קאלישסקא

די מאכט האט פון א געוויסער צייט אן פעסטגעשטעלט מיסברויכען אויף דער באהן-ליניע לוויטש—לאדז-קאלישסקא.

די אדורכגעפיהרטע אויספארשונג האט גע-בראכט צום ארעסט פון דעם נאטשעלניק פון דער וועג-אפטיילונג אינזש. אויגעניוש דאמבראווסקי. מיט איהם זענען ארעסטירט געווארען נאך עטלי-כע העכערע באהן-בעאמטע: סטעפאן וועטשערסקי, דער נאטשעלניק פון סטאנציע אין פאביאניץ וואצלאוו גאנסאווסקי און שפאלאניוש וואידינא פון לאדזער באהן-סטאנציע.

צוליב דעם, וויאס עס ווערט נאך געפיהרט די אויספארשונג ווערען די פרטים פון דער אפעי-רע נאך געהאלטען בסוד. די אפערע פארכאפט ברייטע קרייזען.

צוויי קינדער איבערגעפאהרען דורך אנ'אויטא

איין קינד טויט. — דאס צווייטע ראנ-געלט זיך מיטן טויט

אויף זשגאווסקא גאס זענען נעכטען איבער-געפאהרען געווארען דורך אנ'אויטא צוויי קינ-דער; די 7-יעהריגע מאריאנא קאפעראווסקא (ווי-סאצקא גאס 23) און די 10-יעהריגע אירענא וואיטיניאק (זשגאסקא 83). די קינדער זענען דורכ געגאנגען די גאס, האלטענדיג זיך ביי די הענט-לעך. פלוצים האט זיך דערהערט א געשריי, און איידער מען האט זיך בעוויזען אומצוקוקען זע-נען די קינדער געליגען אין א טייך בלוט און דער שאפער מיט'ן אויטא האט שנעל געיאגט וויטער. צו די שווער פערוואונדעטע קינדער האט מען ארויסגערופען פאגאטאווע און אפגעפיהרט זיי אין שפיטאל אננא מאריא, מען האט באלד אדורכגעפיהרט די נויטיגע אפעראציעס. די 10 יעהריגע וואיטיניאק איז אבער אין עטליכע שעה ארום, אין גרויסע וועהטאגען געשטארבען. דאס צווייטע קינד קעמפט מיט'ן טויט. די פאליציי זוכט דעם פערברעכערישען שאפער.

די אויסשטעלונג פון יאנקעל אדלער

די בילדער-אויסשטעלונג פון יאנקעל אדלער האט אנ'אונגעהויערען ערפאלג, דער לאקאל אויף 6 שערפיען 6 איז שטענדיג פול מיט בעזוכער, דער גרויסער מאלער האט נעכטען אויף דער אויסשטעלונג געהאלטען א פארטראג א. ד. ט. „דאס נייע זעהען", דער פארטראג וועט איבערגע-חזרט ווערען היינט 6 א זייגער אין אווענד אין אויסשטעלונגס-זאל.

דער ערפאלג פון „יוד זיס" אין „קאפיטאל"

וואקסט פון טאג צו טאג

דער פילם „יוד זיס" פון ל. פויכטוואנגער, געהט אין קינא „קאפיטאל" דעם זעקסטען טאג. אין משך פון די עטליכע טעג איז דער פילם געזעהען געווארען פון פיל טויזענדער בעזוכער. דער גרוי-סער זאל קאן נישט אריינעמען אזויפיל מענשען, וואס שטראמען טאג - טעגליך, זעהען דאס מאנו-מענטאלע ווערק. עס איז אויך קיין חידוש נישט, וואס דער פילם „יוד זיס" האט אזא גרויסען ערפאלג, ער פערכאפט דעם אטעם פון די צו-שויער, דער ריזיגער עולם איז געשפאנט פון אנהויב ביז'ן סוף. די צושויער פיהלען מיט די טראגעדיע פון דעם מארטירער אפענהיימער.

ווער ס'האט נאך דעם פילם נישט געזעהען, טאר נישט אדורכלאזען די געלעגענהייט.

שפענדע

ה' יצחק יאסטשאמב, שפענדעט 5 זל. פאר'ן יתומים-הויז זגערזשער 40, 5 זל. פאר'ן „זקנים הויז", 5 זל. פאר „תלמוד תורה" של הרב. צוזאמען 15 זל.

דאס געלד איז אבצונעמען אין אדמי

קינא-טעאטער

„MIRAŻ"

11 ליסטאפאד (קאנסטאנט.) 16

היינט און פאלג. טעג!

פוילישער פילם-שלאגער א. נ

דערוואכונג

אין די הויפט-ראלען

די טייז פון די פוילישע ארטיסטען

A. Zelwerowicz

J. Stępowski

Igo Sym

W. Walter i inni

אנהויב 4 א זייגער נאכמיטאג

שבת און זונטאג 12 א זייגער

Dr. med. P. Braun

צוריקגעקעהרט פון פאריז

ספעציאליסט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען

נעהמט אן פון 8 ביז 1 און פון 4 ביז 8 אווענד.

Cegenialna 4, tel. 16-290.

א טויטער קערפער, מיט אנ'אפגעשניטענעם קאפ

אויף די שינעס פון דער באהן-ליניע לאדז — ווידזעוו

אויף דער באהן-ליניע לאדז—ווידזעוו, א קילאמעטער פון לאדז האט מען געפונען א טוי-טען קערפער. דער קאפ איז געווען גלייך אפגע-שניטען פון קערפער און געליגען א פאר שריט וויטער, קיין דאקומענטען האט מען ביים טויטען נישט געפונען, אין טאש זענען נאר געווען 29 זלאטעס. דער טראגיש אומגעקומענער א מאן פון א יאהר 35, עלעגאנט געקליידעט, אין א זומער-פאלטען מארענגא, העלען אנצוג און געלע שיך. אויפן פינגער א גאלדען קדושין רינגעל, מיטעלע וואוקס, א שאטין, א יענגליך פנים: די אויספאר-שונגס-מאכט בעמיהט זיך, קודם כל פעסטצושטע-לען ווער דער אומגעקומענער איז און נאכדעם, צי האט מען דא צו טון מיט א פאל פון זעלבסט-מארד אדער פערברעכען, דעם טויטען קערפער האט מען אפגעפיהרט אין פראזעקטאריום.

BANK HANDLOWY w ŁODZI

Spółka Akcyjna

Al. Tadeusza Kościuszki 15

ma jeszcze do wynajęcia SAFES

na dogodnych warunkach, poczynając od 4 złotych miesięcznie.

Safe jest NAJPEWNIEJSZEM miejscem przechowywania posagu Twej córki.

פאקטען וועגען בעריהמטע מלחמות

(ענדע פון דער ד'טער זייט)

געווען פערהעלטניסמעסיג שוואך. סיי די דייטשען סיי די פראנצויזען, און ענגלענדער, ווי אויך שפע-טער די אמעריקאנער, האבען איינגעפיהרט „אנט-לויזונג סטאציעס", גערייניגט די סאלדאטען, און דערמיט גערייניגט די פערשפרייטער פון דער טויטלי-כער עפידעמיע, די גרעסערע קולטור, דאס גרעסערע וויסען פון די מערבדיגע מלוכות האט זיך געקאנט אנ'עצה געבען מיט דער עפידעמיע אין א צייט וואס ד מעהר מזרחדיגע מלוכות — צוליב זייער קלענע-רער אויפגעקלערטקייט — זענען געווען א סך ווייני-גער בכח צו בעקעמפען די פעסט.

נאר — די לויז איז נישט דער איינציגער פער-מיטלער צווישען טיפוס און דעם מענש, עס איז דא נאך איינער, א נאך מעהר געפעהרליכער.

מען האט בעמערקט טיפוס - פאלען אין געגענ-טען און ביי מענשען, וואו מען האט געקאנט פעסט שטעלען אז די לויז האט נישט קיין שליטה, אז זי איז אומשולדיג, טא ווי אזוי האט דער טיפוס-ווירוס געקאנט אריין אין דעם מענשען?

מען האט געפארשט און געזוכט, און מען האט אויסגעפונען:

דער ראט און די מויז — אט די חיות, וואס זע-נען אויך פאראזיטען אויף דעם מענש כאטש נישט אזוי דירעקט, ווי די לויז. דער ראט טוליעט זיך צו מענשליכע וואוינונגען און בעזעצונגען און לעבט פון גנבה. ער גנבעט אדער דירעקט פון דעם מענשענס שפייז-זאפאסען אדער פון דער מיה פון מענשענס ארבייט.

די ראטען זענען געפעהרליכע חברה-לייט, זיי קומען גאנצע ארמעען-ווייז, זיי געהען נאך דעם מענש, פאהרען מיט זיינע פערד און וואגען. באה-נען און שיפען, זיי קאנען קלעטערען און שווימען, זיי וואנדערען און טראגע זיך איבער דיזעלבע ווע-גען, וואס דער מענש.

און — זיי זענען רעזערוואארען פון דעם טי-פוס-באציל, אבער ווי אזוי טראגט דער ראט אי-בער דעם טיפוס צום מענש? דא קומט צו-הילף אנ אנדער אינסעקט — די פלוי. די פלוי בייסט דעם ראט. ווערט די פלוי אנגעשטעקט. דערנאך בייסט דיזעלבע פלוי דעם מענש. די אנשטעקונג איז פער-ענדיגט.

אט דאס האט גענומען יאהרען אויסצוגעפינען און דאס האט געגעבען דעם מענש די מעגליכקייט צו בעקעמפען די שרעקליכע קראנקהייט, אלץ פיהרט צו דעם שלום: דער קאמף קעגען דער קראנקהייט איז א קאמף קעגען דער פלוי און קעגען דעם ראט.

דער ערשטער כלל אין אט דעם קאמף איז ריינ ליכקייט. די אלע אינסעקטען, דאס גאנצע אומפלייט האדעוועט און פערמעהרט זיך אין שמוץ, אין פער-זענליכע געוואוינהייטען, וואס איינגאריירען בעדער, וואשען זיך, פרישע ריינע לופט, און אזוי ווייטער. מייז און ראטען כאפען זיך אויך אריין דארט, וואו מען האלט נישט ריין די שטיבער, די וואוינונגען, גא סען, קעלערס און אזוי ווייטער.

ווען מען טראכט איצט וועגען די עפידעמיעס, וואס האבען מיט יאהרען פריהער אויסגעקוילעט א-זוי פיל מענשען מוז מען קומען איצט צום שלום, אז א גאר גרויסע ראל אין דער פערשפרייטונג פון עפידע מישע אנשטעקענדיגע קראנקהייטען האט געשפילט די אומוויסענקייט, דאס נישט פערשטעהן, ווי נויטיג עס איז פערזענליכע ריינליכקייט.

Dr. med. H. LUBICZ

פאר הויט. וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32

עמפפאנגס-שעה'ן 8–10. 12–2 און 5–8 אווענד

זונטאג פון 9–11 בייטאג און יום-טוב פון 9–1.

פאר דאמען - בעזונדערער ווארטע-זאל.

Dr. REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 201-93

ספעציאליסט

פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג

סעקסועלע בערעטונגען און פסיכא-אנאליזען

נעמט אן פון 8–11 און פון 5–8 אווענד

OGŁOSZENIE.

Zarząd Miejski w Łodzi ogłasza publiczny przetarg na dzierżawę i eksploatację 5 miejskich stacyj benzynowych, mieszczących się:

1) przy Placu Reymonta
2) „ ul. Targowej róg Wodnego Rynku
3) „ Alei Kościuszki Nr. 17
4) „ Alei Kościuszki Nr. 38
5) „ Placu Wolności

na czas od dnia 1 lipca 1935 roku do dnia 30 czerwca 1936 roku.

Warunki przetargu i wzór umowy są do przejrzenia w biurze Wydziału przedsiębiorstw Miejskich, ul. Prez. Narutowicza Nr. 65 pokój Nr. 9 w godzinach od 9 do 13-ej.

Oferty z dołączeniem oświadczenia, że warunki przetargu, projekt umowy oraz przedmiot przetargu są oferentowi znane — należy składać w wyżej wymienionym Wydziale w terminie do dnia 15 maja 1935 roku do godz. 12-ej w kopertach podwójnych, zamkniętych i zalakowanych — z napisem:

„Oferta na dzierżawę i eksploatację 5 miejskich stacyj benzynowych“.

Koperta zewnętrzna powinna zawierać dowód złożenia wadjum do kasy miejskiej w sumie zł. 500.— oraz drugą kopertę zalakowaną, zawierającą ofertę.

Otwarcie ofert nastąpi dnia 15 maja 1935 roku o godz. 12 min. 15 w pokoju Nr. 9 przy ul. Prez. Narutowicza Nr. 65.

Oferty, nieodpowiadające warunkom przetargu lub zgłoszone po terminie, rozpatrywane nie będą.

Łódź, dnia 26 kwietnia 1935 roku.

Zarząd Miejski w Łodzi

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
6. שערפּיעו 37 (בענעדיקטאַ)
נעהמט אָן פון 5—7 נאָכמ.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספעצ. פאַר נירען, בלאָז און אורין-קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אָן פון 2—3 און פון 6—8 אָוו

Starszy Felczer
B. JOSKOWICZ
PÓŁNOCNA 4, tel. 141-86
שטעלט טעגליך פּאַקען מיט פרישע קראָוויאַנקע און גיט אַרויס שוויאַדעצטוועס.
נעהמט אָן פון 8 ביז 11 פריה
און פון 4 ביז 6 נאָכמ.

צו פערמיטען
3 געוועלבער מיט וואוינונגען, 1 גרויסער לאַגער מיט אַ קעלער, 1 קעלער
קילינסקיעגאָ 121 טעל. 218-20

קליינע אַנאָנסען
1 זלאָטי אַנאָנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

פערשידענעס

עס ווערען געזוכט שותפים צו מאַכען נאָך פּאַשאַרניצעס אין ווישניאָווע-גורא און אין קראַשעוו. זיך צו ווענדען צו ר׳ לייבל שוחט אין ווישניאָווע-גורא.

אַ גוט פּראָספּערירענד געשעפט גאַרן-גאַלאַנטעריע און שרייב-מאַטעריאַלען זאָפּאָרט איבערצוגעבען, קילינסקיעגאָ 117 אין געשעפט. 7346

איך קויף געניצט מעבעל און צאָל גוטע פרייזען, ביי מיר איז אויך צו בע-קומען שלאָף-צימער. עס צימער און פאַר שידענע מעבעל-שטיק אויף ענצעל. אויך טאַפּעצירער ארבייט. שענקעוויטשאַ 52 אין מעבעל-מאַגאַזין טעל. 261-08.

היגיענישע
ד״ראַט-מאַטראַצען
איז צו בעקומען ביליג ביים טאַפּעצירער
I. Bresler 10 פּאָלודניאָווע

Zagubiono Kwit Kaucyjny Elektrowni Łódzkiej Nr. 46850 na imię Gerszona Pinchasika na Zł. 15. 7345

אַן עלעקטרישע מאַנגעל און אַ האַנד-מאַנגעל מיט אַ וואוינונג צו פער-קויפען אין אַ גוטען פּונקט. צו ערפאַהרען פּאָלודניאָווע 17. אַ האַנד-מאַנגעל בע-ונדער. 7353

אַ בעקעריי ווי אויך אַ וויללע אויף אַ פּענסיאָנאַט אדער אויף אַ קאָ-לאָניע צו פערמיטען. ערפאַהרען פראַנ-ציסקאַנער 30 ביים וועכטער.

Lekcje hebrajskiego i angielskiego. Postępy gwarantowane. Ceny przystępne. Narutowicza 11, m. 4, front. Zgłoszenia 5–6 popoł.

ביליגער פערקויף פון מאָדערן מעבעל אויף גינסטיגע בעדינגונגען. לאָדז-שערפּיען 6, (עק פּיעטריק.) 2

ראַקאַלעז

מעבלירטע צווי צימער און קוך מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען פּראָנט ערשטער שטאָק אויף 5 חדשים פרייזוויר-דיג צו פערמיטען גדאַנסקאַ 5, וו. 28.

W domu B. G. K. przy ul. Berka Joselewicza 16 do wynajęcia natychmiast 2 pokoje z kuchnią z wygodami. Wiadomość na miejscu.

פרייע פּאָסטענס

ס׳ווערט געברויכט אַ קוואַליפיצירטער אַרבייטער צו אַ גומי-מאַשין צו ערפאַהרען ביי ראַוועט בזשעזשינער 7.

ס׳ווערט געברויכט אַ מעדעל מיט אַ מאַשין צו איבערהעמדער ביי בימאַן בזשעזשינער 11. אויך אַ לערן-מעדעל.

נוימיג אַ לערן-יונגעל צו שעלקעס פון באַלד געצאַהלט ביי אָרנער סטאָרי-רינעק 13. 7350

עס ווערט געברויכט אַן ערשטקלאַסיגע שניידערין צו קליידער, ווי אויך אויף רענטשנע האַפּט. זאַוואַדזקאַ 26, וואוינונג 14. 7353

ס׳ווערען געזוכט פיזישע פאַרבער-אַרבייטער. זיך מעלדען מאָנטאָג אין דער שטרימף-פאַרבעריי פּאָמאָרסקאַ 53. 7357

ס׳ווערען געזוכט מענער-מאַשינערס צו עקספּאָרט-אַרבייט, ווי אויך דאַמען-מאַשינערס ביי פּיינוואַקס, זאַכאָדניאַ 31, רעכטע אָפיציגע, 2. שטאָק. 7362

ס׳ווערט געזוכט אַ יונגערמאַן פון 15—17 יאָהר פון דער פּראָווינץ, ביי אַלעקסאַנדראָוויטש, סקלאַדאָוואַ 18. 7359

אינזש. א. רוססאַק
געשוואוירענער איבערזעצער
פאַר די פראַנצויזישע, רוסישע, יודישע און העברעאישע שפּראַכען
(אין בעצירק פון וואַרש. אַפּעלאַציע-געריכט)
נאַרוטאָוויטשאַ 47, טעל. 245-08.
די קאַנצעלאַריע ערלעדיגט אויך דאָקו-מענטען אין דייטש, ענגליש, איטאַליעניש.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים - ספּעציאַליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען-קאַבינעט
ווענעראָלאָגישער אַמבולאַטאָריום
פון 9 פריה ביז 8 אַ זייגער אָוונט.
וויזיט 3 זל.

לעטשניצע
פאַר ווענערישע קראַנקע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטע
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט.
ווענעריש-קראַנקע, מענערשוואַכע
און הויט-קראַנקהייטען
אַנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
איז טעטיג א גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
אַ בעראַטונג 3 זל.

Dr. med. **M. TAUBENHAUS**
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעמט אָן פון 4—8 אָוונט.

Dr. med. **Niewiażski**
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פראָנט, 1-טער שטאָק.
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרמיטאָג.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען

ד״ר העלצער
ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 11—2 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייז

Dr. med. **W. EYCHNER**
פרויען-קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 134-72
נעמט אָן פון 2 ביז 3.30 נאָכמיטאָג
און פון 6.30 ביז 8.30 אָוונט
אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 10—12 בייטאָג.

Dr. med. **D. Frid**
אינערליכע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף **זאַוואַדזקאַ 16a**
פראָנט 1 שט. טעל. 224-78
נעמט אָן פון 9—10 און פון 5—7 אָוו.

Dr. Med.
J. Schlosser
כירורג
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגעלניאַנאַ 30 טעל. 122-16
נעהמט אָן טעגליך פון 4—7 אָוו.

Do moczenia bielizny: HENKO, soda do prania i bielenia.

Dr. med.
H. RÓŻANER
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראַנק.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אָן פון 9—1
פאַרמ. און פון 5—9.

שייטלען
מיט פּאַריזער פורינדן און פערטיגע שייטלען
ביי **קערש.**
סקווערראַ 15

שנעל-דרוקעריי
בראַמבערג
צעגעלניאַנאַ 8. טעל. 255-09

פיהרט אויס:
בריף-בויגען, קאָנווערטען, רעכנונגען, קוויטאַנציעס, פערלאָבונגס- און חתונה-קאַרטען, וויזיט-קאַרטען, פּריקאַ- און קאָנפעקציע-עטי-קעטען, שטרימף-באַנדראָלען

רעעל — שנעל און מאָדערן — ביליג !!!

מודעה. ברוד-קראַנקע!
ליידענדע אויף פערשידענע רופּטורען, פערקרימונגען פון רוקען-ביין, פיס און הויקערס!

אַ הילף און אַ רפואה!

ביי ווינקעל, נופּעל, בויך און קיסברוכען אויך אין געפעהרליכסטען צושטאַנד ביי מענער, פרויען און קינדער. ספּעציעלע הילף ביי פרויען, מוטערברוך, מאָגען און נירען-ברוך!

ברוד-ליידענדע! איהר קענט געזונד ווערן אָהן בלוטיגע אָפּעראַציעס און געפאַהר! פערנאַכלעסיגט נישט און ראַטעוועט אייער געזונד כל-זמן ס׳איז נאָך צייט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי אַ מענשען-קאָפּ, די קישקעס ווערען פערדרעהט און מ׳קען בראַנדיג ווערען. דורך מיין מעטאָדע ערפונדענע ספּעציעלע גומי-הייל-באַנדאַזשען, וועלכע האַלטען צו די נרעס-טע פערנאַכלעסיגטע געפעהרליכע ברוכען ראַדיקאַל מיט גאַראַנטיע. מיין ספּעציאַליטעט איז אויך: הייל-אַפּאַ-ראַטען און גאָרסעטען נאָך דעם סיסטעם פון פּראָפעסאָר ד״ר העססינג און האָללאַט. געגען אַלערליי פערקריפּלונגען, פּלייצעס, פוס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פלאַט-פיס. פאַר אַמפּו-טירטע אינוואַלידען אַ מעריקאַנישע קונסט-פיס (סאָלאַן-אַרבייט). ביים אַראָפּלאָזען זיך פון מאָגען, קישקעס און געבירט-מוטער, עמפּפעהל איך ספּעציעלע הייל-באַנדאַזשען לוי״ט דעם סיסטעם פון פּראָפ. ד״ר גלענאַרד.
דער אמת׳ער בעריהמטער אין גאַנץ פוילען פון אוניווער-זיטעטס-פּראָפעסאָרען אָנערקענט

ספּעציאַליסט **Ortoped NATAN RAPAPORT**

מיט 30-יעהריגער פּראַקטיק אין וויען, דייטשלאַנד און לעמבערג, נעמט אָן פון 9 פריה ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אָוונט

אין לאָדז, פּילסודסקיעגאָ № 23

פערזענליכעס ערשיינען פון קראַנקע ביי מיר איז אומבעדינגט נויטיג.

דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין הארציגסטען דאַנק דעם ספּעציאַליסט דיר. נאַטאַן ראַפּאַפּאָרט פאַר דעם גענצליכען אויסקורירען מיך פון געדערם- און ברוך-קראַנקהייט אַ דאַנק דעם פערלעגטען ספּעציעלען הייל-באַנדאַזש לויט זיין מעטאָדע, און איצט פיהל איך זיך גענצליך געזונד.

צפורה הימעלפאַרב,
לאָדז, זשעראָמסקיעגאָ 41.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער שורה
פערן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב-יו״ט—24 גר. אין דער צייט שפּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— 4
זאָכ׳ן טעקסט—12 . . . . 18— . . . .
מיטען דער טעקסט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען—20 גר. אַ מ/מ (אין דער צייט שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווער-טער 1 זל. יעדעס מעטערדיגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקאַ — 1 דאָל.

פּעהלערן, וועלכע ענדערן נישט דעם אינהאַלט פון פּרינציפּיעל. דער אָנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקן די אַנאָנס אדער צוריקצוצאַהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר׳ן אינהאַלט און פאָר-מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג ניש ט פעראַנט-וואָרטליך. די אדמיניסטראַציע פון בייטאָג און פּייבאַכט

Za wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. spółdz. „Najer Folksblat“. Piotrkowska 21.